פארגרעסערטע חנוכה אויסגאבע


קרית בעלזא בלעטל

שנה ה'
נומער 199
פרשת וישב · תשפ"ד




# חנוכה איז א צייט פון דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן

## וואס דאס איז דער תענוג פון עולם הבא

(א' ויגש ה' חנוכה תשע"ח)

## להודות ולהלל:



ליינט א שטוינענדע מעשה פון תפילה איבער א פארלוירענעם פאספארט

10

## געדאנקען:



טאהש טיילט צדקה מיט א ברייטע האנט

22

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, גרשון קרעמער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
וישב כ"ו כסליו תשפ"ד

הדלקת הנרות ........... 04:10
מוצאי שבת ........... 05:41

מנחה מעריב מקץ .... 05:25



שטעטל נייעס
מען גרייט זיך צו יום טוב חנוכה
4


שטעטל נייעס
קרן הדפסה איז גרייט פאר יום טוב חנוכה
6


היכל הקודש נייעס
ביפעי פארמאגט שוין אכט קאמפיין'ס אויפן סיסטעם
7


מעשה פון תפילה
שטוינענדע מעשה פון תפילה מיט א פארלוירענע פאספארט
10


געדאנקען
אין פסיכיאטרישן אנשטאלט
22


מיט א טיפערן בליק
ג"י טענה דיך מיטן אן אייזל
32


נקודות טובות
געהערט פון אנשי שלומינו
38


פארן ברסלב'ער שטוב
וואו ליגט אינטערן בילד?
45



**די זמנים די וואך איז געשפאנסערט דורך:**
**שלום שניצלער לייסענסד ריעל עסטעיט בראוקער**

פאר אלע אייערע ריעל עסטעיט געברויכן
**קויפן/פארקויפן - דינגען/פארדינגען**
**רעזידענשל/קאמערשאל**
רופט אונז אן, און מיטן אייבערשטנ'ס הילף
וועלן מיר אייך צופרידן שטעלן אויפן בעסטן וועג.
**347-731-3144**


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 08 | 43°/32° | | Mostly Cloudy |
| Sat 09 | 49°/38° | | Mostly Cloudy |
| Sun 10 | 50°/33° | | Showers |
| Mon 11 | 37°/26° | | AM Snow Showers |
| Tue 12 | 38°/26° | | Partly Cloudy |
| Wed 13 | 38°/27° | | Partly Cloudy |
| Thu 14 | 37°/25° | | Mostly Cloudy |
| Fri 15 | 37°/27° | | Mostly Cloudy |



היכל הקודש

# ילד שעשועים

קרית ברסלב ליבערטי

מיר ווילן אויסדרוקן א גרויסן דאנק פאר די חשובע נדבנים
און פאר די וואס העלפן ארויס אינעם ילד שעשועים

## מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו

פארן מנדב זיין די סכום פון $139.000

| | | | |
|---|---|---|---|
| **מו"ה אברהם אלי׳ פרידריך הי"ו**<br>פארן מנדב זיין פיר נייע בעיבי בעטלער | **מו"ה יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו**<br>פארן אינסטאלירן די נייע בוילער | **מו"ה שבתי מזרחי הי"ו**<br>פארן מנדב זיין די דישעס | **מו"ה הלל ווייס הי"ו**<br>פארן פארריכטן די הייצונג |

### א גרויסן דאנק פאר די חשובע פרויען וואס קומען משמח זיין

ביי דעם געלעגנהייט טוען מיר מעלדן אז מען קען נאך האבן א חלק אינעם הייליגן פראיעקט, מיטן מנדב זיין דאס וואס פעלט נאך אינעם ילד שעשועים.

Tablecloth **$500** | 2 freezers **$850** each
10 window shades **$350** each | Pots dishes **$800**
5 recliners **$250** each | Pharmacy **$300**
Special sink to bath the baby's **$1,500**
2 water coolers **$350** each
Grocery weekly **$1,000**
Surveillance camera **$10,000**
Glass shower doors **$1,600**
Carpet for nursery room **$1,400**

ZEBRA

די בעסטע שמירה איז עס:

# מהודר'דיגע מזוזות



marketedge

א דורכברוך אין קרית ברסלב:

איר דארפט שוין נישט זארגן פאר א וועג אריין אין שטאט צו

## קויפן • דינגען • בודק זיין

אייערע מזוזות. מיר שטייען גרייט פאר אייך מיט א ריזיגע אויסוואל פון הערליכע מזוזות צו קויפן אדער דינגען, געשריבן דורך ערליכע סופרים יראי שמים אנשי שלומינו. ווי אויך קענט איר אריבערקומען מיט אייערע מזוזות צו בודק זיין און עס צוריק באקומען אינעם זעלבן טאג.

**מזוזות**
נתנאל פארקאש

רופט שוין: 845.665.4889



# ער פארמאגט
# פינף קינדער און פינף דאללער

## שיינט אריין ביי זיי אביסל ליכטיגקייט

דער בית התבשיל פארטיילט
וועכענטליך בדרך כבוד גאנצע שבת
ארדערס פאר צענדליגע משפחות ווי
אויך פארטיילן מיר קלענערע סכומים
פאר נויטבאדערפיגטע משפחות.

## העלף
## דיין שכן,
## דיין קרוב,
## דיין ידיד.

רופט אריין מיט אייער נדבה
אין זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

ZEBRA

# שטעטל נייעס

## יום טוב חנוכה אין שטעטל




אזוי ווי די לעצטע פאר יאר גרייט מען זיך אויך דאס יאר אויף א שיינעם יום טוב חנוכה אין שטעטל צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט"א וואס וועט ווילן אין שטעטל במשך די חנוכה טעג פון וואס אלע איינוואוינער וועלן באקומען חיזוק און פרישקייט ווייטער אנצוגיין דעם לאנגן ווינטער וואס מיר האבן נאך צוגיין.

צוזאמען מיטן ראש ישיבה קומען אויך ארויס די חשובע בחורים פון ישיבה, וואס וועלן קומען מיטהאלטן דעם שבת חנוכה אין שטעטל, וואס דאס איז געווען איינס פון די דריי שבתים וואס מען פלעגט קומען צום הייליגן רבי'ן, און אזוי פירט מען זיך נאך אויך היינט אז וואו אנשי שלומינו וואוינען קומט מען זיך צאם, און מען איז מחזק צוזאמען מיטן רבינ'ס עצות אויף לעובדא ולמעשה.

מיר האפן אויף קומענדיגע וואך מיטן אייבערשטנ'ס הילף צו באריכטן אלע פרטים פונעם שיינעם יום טוב חנוכה אין שטעטל.

## קרן הדפסה איז גרייט צום יום טוב חנוכה




מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די פרייליכע נייעס אז דער הערליכער "סדר הדלקת נר חנוכה" איז נארוואס איבערגעדרוקט געווארן, און איז שוין ווידער דא צו באקומען דא ביים בית הדפוס פארן ביליגן פרייז פון בלויז $2.99.

אנשי שלומינו ווארטן שטארק ארויס אויף דעם הערליכן "סדר הדלקת נר חנוכה" וואס באשטייט פון דעם נוסח הדלקת נר חנוכה מיט אלע מזמורים פיוטים און מנהגים אזויווי מוהרא"ש האט איינגעפירט, באגלייט מיט שיינע געדאנקען און חיזוק ווערטער מלוקט פון פילע ספרים איבער די גרויסע צייט וואס עס טוט זיך אפ אין אלע וועלטן ווען א איד צינדט די הייליגע חנוכה ליכט, און דער גרויסער עת רצון וואס מ'קען דאן פועל'ן גאר גרויסע זאכן.

אזוי אויך אנטהאלט עס פילע גאר ווארימע תפילות אויף פאַרשידענע ענינים ווי אויף קינדער, נחת פון די קינדער, שידוכים, פרנסה, וואָס מוהרא"ש האָט געשריבן ספעציעל צו זאגן חנוכה ווען די לעכט ברענען. די תפילות עפענען אויף דאָס האַרץ צום אייבערשטן, און פועלן גאָר גרויסע ישועות.

דער "סדר הדלקת נר חנוכה" ווערט יאר יערליך צוכאפט ביי אנשי שלומינו, און איז שוין איבערגעדרוקט געווארן פילע מאל, אבער לעצטענס איז עס איבערגעדרוקט געווארן פון פריש, און איבערגעארבעט געווארן מיט שיינע גרויסע געשמאקע אותיות מאירת עינים, וואס וועט זיין א תענוג רוחני פאר אלע וואס קויפן דאס איין.

מען קען קויפן דעם נייעם איבערגעמאכטן "סדר הדלקת נר חנוכה" אויפן זייטל און עס באקומען דעליווערט צום טיר. ווי אויך ביים אריינרופן אין בית הדפוס, ווארט נישט אויף די לעצטע מינוט נאר באשטעלט עס שוין היינט, כדי עס זאל נאך אנקומען באצייטענס צו אייך. די נומבער צו אריינרופן ביים בית הדפוס איז 718-387-2691

אמעריקע

## בי-פעי פארמאגט שוין אכט קאמפיינס אויפן סיסטעם

שוין איבער א יאר וואס די "בי פעי" - "ברסלב פעי ביי טעקסט סיסטעם" לויפט מיט גרויס הצלחה, פילע אנשי שלומינו באנוצן זיך דערמיט צו מנדב זיין צו די פילע קאמפיינס מיט וואס אונזער הייליגע קהלה איז געבענטשט, זאל עס זיין קרן הדפסה, מעמדות פאר'ן ראש ישיבה שליט"א און אזוי ווייטער, זענען אנשי שלומינו מנדב פאר די פילע צוועקן מיט א דרוק פון א קנעפל פון זייערע פשוטע פליפ פאון.

דער סיסטעם איז העכסט סאפיסטיקירט צו קענען גרינג ארבעטן פון די פשוט'סטע טעלעפאן, אלע אנווייזונגען זענען ממש פשוט און גרינג, און איז אויסגעארבעט געווארן דורך געטרייען עסקן לכל דבר שבקדושה מו"ה אהרן פיש הי"ו, וואס האט ארייגעלייגט אומגעהויערע כוחות, און יעצט בסייעתא דשמיא שניידט מען די פירות.

אין די לעצטע וואכן איז צוגעקומען זייער אסאך טרעפיק אינעם סיסטעם ווען מען האט צוגעלייגט נאך פילע קאמפיינס וועלכע נעמען שוין אן די בי פעי סיסטעם, ווי ר' אהרן געבט אונז איבער איז די שכר לימוד און מעמדות פארן ראש ישיבה שליט"א די צוויי מערסט באנוצטע קאמפיינס אויפן סיסטעם.

די סיסטעם ארבעט זייער פשוט, מען שיקט א פשוט'ע טעקסט JOIN צום נומער 845-385-2400 צו וואס דער סיסטעם וועט ריפלייען מיט קלארע און פשוטע אנווייזונגען וואס צו דרוקן פאר וואס. אין יעדע צייט קען מען טעקסטן HELP אויב מען וויל וויסן וואס די אפציעס זענען.

לעת עתה קען מען מנדב זיין פאר אכט קאמפיינס, יעדע קאמפיין האט אן איי.די. נומער ווי פאלגענד: RY01 איז מעמדות פארן ראש ישיבה שליט"א, KH02 איז קרן הדפסה היכל הקודש, HS03 איז די בית המדרש אויף האשקי, BH05 איז די בית התבשיל היכל הקודש, TU06 איז צאלן שכר לימוד, BG07 איז באצאלן אויפן חשבון פון בן גמלא, VH08 איז מנדב זיין פארן וועד העירוב, ME09 איז געבן פאר די מוסדות אין ארץ ישראל.

איינמאל מען ווייסט די קאוד פונעם קאמפיין, און מען וויל צום ביישפיל געבן $180 פאר די מוסדות אין ארץ ישראל מיטן קארטל 1234567890123 און האט אן עקספיירעישאן דאטום פון יאנואר 2024 שיקט מען א טעקסט: ME09 180 1234567890123 0124

(די ערשטע פיר אותיות איז די קאמפיין איי.די.. נאכדעם קומט די סכום געלט וואס מען איז מנדב, דערנאך קומט די נומערן פונעם קרעדיט קארד, און דערנאך די עקספיירעישאן דאטום)

מען קען זיך גרינגער מאכן דורכן סעיווען די קרעדיט קארד, דורך טעקסטן: SAVE 1234567890123 0124 דערנאך וועט מען קומענדיגע מאל בלויז דארפן אריינלייגן די לעצטע פיר ציפערן פונעם קרעדיט קארד, כזה: ME09 180 0123

די גאנצע טעקסט איז בלויז 13 אותיות און אלעס איז פשוט און קראנט. אויב די עקספיירעישאן דאטום פונעם קארטל וואס ענדיגט זיך מיט 0123 טוישט זיך צום ביישפיל צו יאנואר 2027, קען מען טעקסטן: UPDATE 0123 0127

ווי איר זעט איז די סיסטעם ממש גרינג און פשוט, און אנשי שלומינו נוצן עס כסדר ווען מען איז מתפלל פאר א ישועה אדער מען זאגט תיקון הכללי, מען איז ביי א ציון פון א צדיק, אדער ערב שבת פאר לעכט צינדן און מען וויל מנדב זיין צדקה פאר'ן הייליגן רבין שיקט מען א טעסט וואס נעמט עטליכע סעקונדעס, און מען קויפט זיך איין זכותים לנצח נצחים. אדרבה פרובירט עס אויס, שיקט שוין א טעסט JOIN צו 845-385-2400



# מעשיות פון תפילה

### ארי גוטמאן - צפת:

שכח אייבערשטער אז איך בין זוכה צו פארן כמעט יעדן טאג מאכן הפצה ביים שטאט 'נהריה', צוזאמען מו"ה אלחנן זוויבערמאן הי"ו און מו"ה ישראל מאיר קארסיאנסקי הי"ו, מען מאכט הפצה פאר אפאר שעה און נאכדעם קומט מען צוריק קיין צפת.

דעם זונטאג ווען איך בין צוריק געפארן קיין צפת האב איך נישט אזוי באמערקט א הויכע שפיציגע שטיין (לכאורה וועגן איך האב פארגעסן יענע מאל צו געבן א פרוטה לצדקה און זאגן 'תפילת הדרך' ביים אריינגיין אין מיין קאר) און איין רעדל האט באקומען א לאך אינמיטן א הייוועי...

וואס טוט מען דא? באשעפער העלף מיך!! איינער רופט זיך אן: דא האסטו א גוט סטעישן פאר אריין!

איך פאר אריין אינעם גוט סטעישן איך גיי ארויס פונעם קאר און... די אינעווייניגסטע איך זע אז די אייזענע ראד איז געווארן קרום... נישט נאר די שווארצע זאך פון ארום...

וואס טוט מען? איך האב יעצט נישט אפאר מאות צו צאלן פאר דעם, ווער רעדט נאך פון די צייט וואס ס'נעמט צו שלעפן די קאר און פאררעכטן. באשעפער העלף מיך!! אזוי שטייענדיגע דארט רופט זיך איינער אן: דא זע איך א פלאץ וואס פאררעכט רעדער!

שכח אייבערשטער!!! שוין, מ'גייט נעמען די היינטיגע הפצה געלט און אויסגעבן פארן פאררעכטן די רעדל...

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל קאסטן ביליג!! דער גוי קומט און פרעגט וואס ס'איז געשעהן, האב איך אים געוויזן וואס דא האט פאסירט מיטן רעדל.

דערנאך האב איך געגעבן א פרעג וויפל צייט עס איז צו פאררעכטן, האט ער געזאגט: עעע, בערך א פערטל שעה. און וויפיל געלט? א רגע לאמיר טראכטן, איך מאך דיר עס פאר 10 דאלער... וואאאאאאס? 10 דאלער! שכח אייבערשטער!!!!!

### יואל וועבערמאן - קרית ברסלב:

מיין היים טעלעפאן ביל האט געוויזן אז איך בין שולדיג די פאנטאסטישע סומע פון אפאר טויזענט דאלער, נאכדעם וואס זיי האבן גערעכנט די טעלעפאן רופן ווי אינטערנעשאנאל פאון קאלס.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן עס נישט רעכנען פון מיר, איך בין געווען מיט זיי זייער לאנג אויפן טעלעפאן, איינער האט מיר געשיקט צו א צווייטן און דער צו א דריטן, איך האב א גאנצן צייט געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן אראפנעמען די אלע גרויסע טשרדזשערס אויפן ביל וואס איז ארויף בלי יושר.

שכח אייבערשטער אז צום סוף האבן זיי געקענט באשטיין עס אראפצונעמען און דאס צוריק רעכענען אזוי ווי די נארמאלע פרייז.

### א דרייווער פאר די מוסדות - וויליאמסבורג:

שכח אייבערשטער איך האב די זכי' צו דרייוון א ווען פאר די ישיבה, פארגאנגענע וואך האט פאסירט אן אייגנארטיגע געשעעניש ווען בשעת'ן אהיימטראגן די תינוקות של בית רבן צו זייערע היימען האט א שלאקס רעגן זיך אראפגעלאזט איבער די בארא פארקע גאסן, אבער נישט געזארגט, מיט נישט ווייניג קאנפידענס געב איך א ריק דעם שטיקל צו באפעלן מיינע ווייפערס זאלן אנהייבן טון זייער אויפגאבע, אבער ממש געציילטע סעקונדעס שפעטער זע איך ווי די לינקע ווייפער טאנצט אראפ פון די ווינטשילד זייענדיג נישט געגוג באהאפטן צום שורש, מיט פיל אנגסט האב איך זיך געדארפט ארויסזען פונעם ווען, און עס צוריק לייגן צו ווי ס'באדארף צו זיין.

מיינע געפילן האבן מיך שטארק באזארגט זאגנדיג אז ס'איז דא שוואכע מעגליכקייטן אנצוקומען צוריק קיין וויליאמסבורג אנדעם וואס די אומבא'טעמ'טע געשעעניש זאל פאסירן מער ווי איין מאל, אבער נישט געזארגט, איך הייב אן בעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען אנקומען קיין וויליאמסבורג אנדעם וואס די ווייפער זאל זיך באהאלטן פון מיך, און פלאי פלאים, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז אנקומענדיג אין וויליאמסבורג זענען נאך ביידע ווייפערס געשטאנען ווי סאלדאטן.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשע"ה לפ"ק**

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרע ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק דִיךְ ... יֶעצְט קוּמְט חֲנוּכָּה; וָואס מֵיינְט חֲנוּכָּה? אַ לָשׁוֹן פוּן חֲנוּכַּת הַמִּזְבֵּחַ - **מֶען בַּאנֵייט זִיךְ**, מֶען הֵייבְּט אָן פוּנְדָאסְנַיי אוּן מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק, אוּן מֶען שְׁטַארְקְט דִי וַוייבּ.

זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, יֶעצְט זֶעץ דִיךְ אַרָאפּ בַּיי דִי מְנוֹרָה קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט, אוּן **שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים בְּפָנִים**, דַאנְק אִים אוּן לוֹיבּ אִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען אַז מִיר וֵוייסְן פוּן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט עֶס אַרַיין אִין אוּנְז; לְמָשָׁל חֲנוּכָּה, **מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס מֶען טוּט חֲנוּכָּה;** בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶעצְן זִיךְ אַוֶועק בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט, קוֹדֶם מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן מֶען פַארְצֵיילְט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר טוּט יֶעצְט, אוּן נָאכְדֶעם אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אַהּ! אַ מְחַיֶּה וָואסֶערֶע שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע שְׁטִילֶע לֶעבְּן קֶען מֶען זִיךְ אָפְּלֶעבְּן אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן.

שְׁטַארְק דִיךְ, אוּן **זֶע אַבִּיסְל עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הַפָּצָה**, וַוייל מִיר גֵייעֶן שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים, אוּן דָארְט אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁטָאלְץ מִיט דִיר.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## חנוכה מסיבות

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן חֲנוּכָּה מְסִיבּוֹת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** חנוכה איז א צייט וואס מען קומט זיך צוזאמען משפחות, מען מאכט מסיבות, אבער מען דארף אכטונג געבן ווען מען גייט צו מסיבות אז עס זאל זיין מיט יראת שמים. עס דארף זיין אפגעטיילט מענער פון פרויען, מען קען נישט שפילן קיין געימס צוזאמען מענער און פרויען. אז מען געבט אכטונג און מען פירט זיך אויף הייליג, דעמאלט איז מען זוכה צו אלע ברכות און ישועות, אבער אויב מען פירט זיך נישט אויף בצניעות, זאגט דער פסוק (דברים כג, טו): "**וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ**", כביכול דער אייבערשטער גייט אוועק פון דעם פלאץ.

אז עס קומט ענק אן שווער צו גיין צו מסיבות ווייל ענק האבן קליינע קינדער אין שטוב, און די מסיבה שלעפט זיך אריין ביז שפעט אויף דער נאכט וואס דאס איז גורם אז די קינדער גייען ארויס פון זייער געווענליכן סדר היום, און דאס קלאפט אויס שווער אויף ענק - דארפן ענק נישט גיין.

ווער נישט דערשראקן ווען מען זאגט דיר: "דו צעברעכסט די משפחה", מיט דעם וואס דו קומסט נישט צו די מסיבות וכו', מאך זיך נישט צו טון פון דיינע געשוויסטער וואס טייטלען מיט די פינגער אויף ענק אז ענק מאכן צער פאר טאטע און מאמע מיטן זיך נישט באטייליגן ביים "משפחה שבת"; ווייל אויב איינער פון די משפחה מאכט אפ אז מען מוז אוועקפארן אויף שבת, מיינט דאס נאכנישט "כיבוד אב ואם".

דיין כיבוד אב ואם זאל זיין אז דו זאלסט יעדן טאג גיין אין בית המדרש דאווענען שחרית, מנחה און מעריב מיט מנין; דאס איז אונזער כיבוד אב ואם! אז דו העלפסט ארויס דיין ווייב זיך פארען מיט די קינדער - דאס איז כיבוד אב ואם.

(מכתב ה' וישב כ"א כסליו תשע"ט)

## די פארלוירענע

# פאספארט



# שמואל ב.

שכח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי' צו זיין ראש השנה אין אומאן ביים הייליגן רבינ'ס ציון, זאלן מיר אלע האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס. גאר א שיינע מעשה פון תפלה האב איך מיטגעלעבט ביים הייאריגן נסיעה קיין אומאן ראש השנה, אפגערעדט פון אלע תפלות וואס מ'בעט א גאנץ יאר מ'זאל בכלל האבן די זכי' צו קענען זיין אין אומאן ראש השנה, און ווייטער די מעשיות פון תפלה וואס אונז אלע האבן, די רענצל זאל אנקומען, און דאס גלייכן, אבער חוץ פון דעם האט ארויסגעשטארצט גאר א הערליכע און חוץ לדרך הטבע'דיגע מעשה פון תפלה.

יעצט ווען מ'שטייט שוין ממש פאר שבת חנוכה - א צייט ווען דעם רבינ'ס תלמידים פלעגן קומען צו פארן צום רבי'ן, און אויך יעצט היינט צו טאגס קומען זיך צוזאם פיל ברסלב'ער חסידים די בכל אתר ואתר - וועל איך עס מיטן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן מיטצוטיילן מיט די קרית ברסלב בלעטל לייענער.

זאלן אלע הנאה האבן און זען ווי גרויס די כח התפלה איז.

# פאספארט

**1:00 נאכמיטאג, מיטוואך האזינו א' שנת תשפ"ג, אומאן - אוקריינע**

מ'האלט קוים אפאר מינוט נאך וואס די קבוצה פונעם מאנטאג טשארטער האט דערגרייכט איר ענדגילטיגע דעסטינאציע ביים מאיעסטעטישן בנין היכל הקודש אויף די בלצרקובסקיה גאס אין אומאן יצ"ו, אנשי שלומינו פון גרויס ביז קליין זענען איינגעהילט אין אן אינערליכע עקסטאז, נאכן זיך וואלגערן פונעם באס צום עראפלאן, עראפלאן צום באס, באס צום באן, באן צום באס, און אזוי ווייטער - איז מען ענדליך אנגעקומען סמוך ונראה צום הייליגן רבינ'ס ציון, וואו מ'וועט ווילן אויף ראש השנה תשפ"ד.

דער עולם שלעפט זיך ארויף מיט די זעק און פעק און מ'הייבט זיך אן באקוועם צו מאכן אינעם שטוב ווי ס'איז ארגאניזירט געווארן דורך די געטרייע סדרנים פונעם בנין.

אנקומענדיג אין אומאן איז נישט געבליבן קיין סאך וואס צו טון, אז מ'שטייט שוין ממש נאנט צום רבינ'ס ציון דארף מען דאך אריינכאפן ווייל מ'פארט שוין באלד אהיים. גלייך נאכן זיך אויספאקן לויף איך אין מקוה מקיים צו זיין וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט ביים מגלה זיין דעם תיקון הכללי: "די ערשטע איז מקוה", געכאפט א מקוה, צוגעביסן עפעס לייכט און מ'לאזט זיך ארויס צום ציון.

מיינע צוויי פיס שפרינגען ארויף אויפן אלעמען באקאנטן געלע שאטל באס, ספעציעל דעזיגנירט פאר די אידן פונעם בנין היכל הקודש זאלן קענען דערגרייכן צום ציון אנדעם וואס מ'זאל דארפן גיין א האלבע שעה צופיס. איך קען אייך נישט מסביר זיין וואס מ'האט געשפירט נאר זייענדיג אויפן באס אויפן וועג צום ציון, אלע אידן פון קליין ביז גרויס וואס האבן זיך דארט געפינען זענען ממש ארויס פון די גלייזן פון גרויס עקסטאז אז אט אט גיימיר זיך שוין געפינען ביים ציון הקדוש, קודש קדשים.

די געלע נויז מאשין מיט פיר רעדער קומט שוין אן צום באס סטאפ און מיט גרויס אימפעט שטעלט ער אפ די וואגאן און ליפערט אפ אלע אידן דערפון. מ'שפאצירט אראפ די גאנצע בארג ביז מ'קומט שוין אן



צום גרעניץ וועכטער אונטן פונעם בארג, דער עולם דארט איז נאכנישט געווען באקאנט מיט די פאקט אז דאס יאר גייען די אוקריינישע באאמטע נישט לאזן ארויפגיין די בארג צום ציון אן א פאספארט און א באוויז צעטל אז מען האט באצאלט זייער אויפן-פלאץ-אפגעמאכטע שטייערן. איך וויל ארויפשפאצירן די בארג צום ציון און איינער פון די וועכטער שטעלן מיך אפ און בעטן מיך מיין פאספארט, איך האב נישט געהאט קיין צייט זיך צו טענה'ן מיט אים, איך שטעק אריין מיין הענט אין טאש, און איך זע... והילד איננו, מיין פאספארט איז פארשוואונדן! איך האב שנעל אוועק שפאצירט און איך טראכט צו זיך: "איך געדענק נישט איך זאל עס האבן ארויסגענומען אינעם בנין, ווי קען עס זיין?"... מיט נישט ווייניג אנטוישונג דריי איך זיך צוריק און איך כאפ דעם קומענדיגן שאטל צום בנין.

מ'הייבט אן זוכן... 'וואו הייבסטו אן? וואו ענדיגסטע?...' האבן די געפילן גע'טענה'ט... איך נעם מיין רענצל און איך הייב עס אן איבערדרייען און אויסזעקלען, אבער אן ערפאלג. 'אפשר איינער פון די אוקריינישע ארבעטער האבן עס 'בטעות' גע'לקח'נט, איך האב אנגעהויבן איבערדרייען אלעס וואס האט זיך נאר געפינען אין די ד' אמות פון מיינע חפצים, אבער צום באדויערן איז נישט געפינען געווארן קיין זכר פון קיין פאספארט.

איך הייב אן צוריק טראכטן אויב איך געדענק ווי איך האב לעצט געהאט מיין פאספארט, פארשטייט זיך אליין אז גארנישט איז ארויפגעקומען אויפן זכרון, איך האב אפילו פרובירט זיך צו פארבינדן מיט די בעל הבית פון די באסעס וואס זענען געפארן פונעם באן סטאנציע קיין אומאן, אבער מער פון זאגן: "מ'העט זען וואס מ'קען טון" האט ער נישט געקענט...

די געפילן פון אנטוישונג האבן זיך אנגעהויבן אויסמישן מיט נערוועזקייט און אומבאהאלפנקייט, ס'איז נישטא וואס צוטון, מ'העט מוזן גיין צום לעגנדארן פאספארט מבין מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו, ווען

"אויב האסטו פארלוירן דיין פאספארט בלייבסטו דא, אונז זענען דא אין א מלחמה לאנד, די אמעריקאנער אמבאסאדע אין קיעוו איז פארשלאסן אין די יעצטיגע סעזאן, כ'האף נאר אויף יום כיפור וועסטו כאטש זיין אינדערהיים..."

פאריאר אויפן באן פון אומאן קיין פולין איז ער באקאנט געווארן אלץ דער פאספארט עסקן, און מ'גייט זיך מוזן אראפזעצן מיט אים.

איך שפאציר ארויס פון מיין צימער אראפצוגיין די שטיגן אויפזוכן ר' אשר לעמל, ווען אויפן וועג קומט צו א איד צו מיר מיט גרויס אימפעט, און הייבט מיך אן אויפשאקלען: "העלאאאאאא! וואס איז מיט דייייייר!! מ'זעמיר דא ביים רבי'ן!!!" ער הייבט אן טאנצן "אשרינו מה טוב חלקנו..." און איך הייב אן מיט טאנצן מיט אים טראכטנדיג: 'ווען איך האב ווען מיין פאספארט ביי מיר אין ביזעם טאש וואלט איך געטאנצן סאך העכער ווי דיר' אבער איך גיי אים נישט דערציילן, און למעשה, ווי נישט ווי איז ער גערעכט... איך בין מסיים מיין געצווינגענע טענצל און איך שפאציר ווייטער אראפ.

אויף די שטיגן טרעף איך איינע פון מיינע באקאנטע, און איך זאג אים אזוי בתוך הדברים: "איך האב פארלוירן מיין פאספארט, לויט ווי ס'קוקט אויס וועל איך דארפן מארגן מאכן א נייע" גאר א גוטהארציגער פארשוין איז געווען פון די אנוועזנדע און ער רופט זיך אן צו מיר: "טאקע? אויב האסטו פארלוירן דיין פאספארט בלייבסטו דא, מיר זענען דא אין א מלחמה זאנע, די אמעריקאנער אמבאסאדע אין קיעוו איז פארשלאסן אין די יעצטיגע סעזאן, כ'האף נאר אויף יום כיפור וועסטו כאטש זיין אינדערהיים" א סקרוך פון שרעק האט זיך דורכגעשמוגלט מיינע ביינער, ווען יענער זאל וויסן וואס ער האט געטון מיט מיר זאגנדיג די פאר ווערטער גלייב איך שוואר אז ער וואלט עס נאכאלץ געזאגט.

איך זעץ מיך אוועק מיט ר' אשר לעמל און איך הייב אים אן דערציילן וואס דא גייט פאר, ר' אשר לעמל האט מיט זיין גוט הארץ גלייך זיך גענומען צו די עבודה, ער הייבט אן אנרופן פארשידענע עסקנים וואס זענען גוט מיט די הויכע פענסטערס און ער פרובירט צו געוואויר ווערן אויב די אמבאסאדע פון די פאראייניגטע שטאטן אין קיעוו איז אפן, למעשה האט זיך שנעל ארויסגעשטעלט אז זיי ארבעטן מיט די אמעריקאנע

# די פארלוירענע
# פאספארט

שעות, ס'איז שוין דעמאלט געווען בערך פיר אזייגער נאכמיטאג, און ער זאגט מיר אז מ'דארף ווארטן ביז מארגן אינדערפרי בלויז געוואויר צו ווערן אויב ס'איז דא צו וועם צו רעדן דא אין אוקריינע אדער מ'דארף אנהייבן מאכן פלענער וואס קען אפקאסטן דמים תרתי משמע.

איך האב פשוט נישט געוואלט טראכטן וואס מ'גייט טון אויב מ'ווערט געוואויר מארגן אינדערפרי אז ס'איז נישטא קיין אמבאסאדע... מ'רעדט דא פון דארפן גיין צו די אמעריקאנע אמבאסאדע אין פולין און ארויס באקומען פון זיי אן אמעריקאנע פאספארט, אבער מ'האלט נאכנישט דארט, איך דארף קודם באקומען פארשידענע פאפירן פון אוקריינע נאר צו באקומען רשות צו פארן קיין פולין אפנעמען מיין פאספארט, און מ'רעדט דא פון ממש געציילטע שעה בעפארן זמן הדלקת הנרות צום פארכטיגן יום הדין, ס'איז מיר געווען גרינגער פשוט נישט צו טראכן דערוועגן...

ס'האט נישט גענומען לאנג און איך טראכט צו מיר: 'ס'איז נישטא צו וועם צו רעדן, קיינער קען מיך נישט העלפן, איך בין דא אין א פרעמד לאנד ווי א דריי פערטל שעה נאכן זמן מוצאי יום טוב פארבלייבן נישט קיין שום באקאנטע, און אפילו אויב יא קענען זיי מיך סיווי נישט העלפן, איך האב איין עצה פארבליבן, איך וועל גיין צום אייבערשטן, נאר ער קען מיך העלפן'.

איך טו מיך אן מיין הוט און רעקל און איך גיי ארויף אויף די נעקסטע שאטל באס צום ציון, אויפן וועג האט מיין דמיון אנגעהויבן זיך פארשטערקערן, איך בין אוועק געפלויגן פלאנען וואס איך גיין טון עשרת ימי תשובה אויף פושקינה...

אבער נישט לאנג שפעטער האב איך געטראכט צו מיר 'איך פאר דאך יעצט צום רבי'ן, דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי די לעצטע שיעור אין ישיבה פאר די נסיעה אז מוהרא"ש זאגט אויב מען עקשנ'ט זיך ביים ציון פועל'ט מען, נו וואס דארף איך זארגן'.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די וועכטער אונטן וואס באקוקן ווער ס'האט באצאלט

"א סקרוך פון שרעק האט זיך דורכגעשמוגלט מיינע ביינער, ווען יענער זאל וויסן וואס ער האט געטון מיט מיר זאגנדיג די פאר ווערטער גלייב איך שווער אז ער וואלט עס נאכאמאל געזאגט..."

די שטייערן זאלן מיך נישט יעצט נאכאמאל אפהאלטן, נאר דאס פעלט מיר אויס מ'זאל מיך יעצט בעטן מיין פאספארט... די מעשה פון תפילה איז אריבער בשלום, די חברה זענען געווען פארנומען זיך צו טענה'ן מיט אפאר מענטשן צו מ'דארף עס יא אדער נישט האבן, אינדערצווישן האב איך זיך אריבערגעשלייכט די בלאקאדע און שטייטערהייט ארויף שפאצירט דעם בארג צום הייליגן רבינ'ס ציון.

איך קום אריין צום ציון הקדוש - קודש קדשים, איך נעם א תיקון הכללי, א באזונדערע חסד האט דער אייבערשטער געמאכט אז ווען איך בין אריינגעקומען צום ציון האב איך געזען אז ס'איז ממש ליידיג נעבן דעם שטיין, איך האב זיך אריינגעשמוגלט צווישן דעם עולם ביזן אנקומען צום שטיין, איך געב א פרוטה לצדקה און איך הייב אן זאגן דעם תיקון הכללי, איך האב געשפירט זייער איבערגענומען, ס'איז שוין דורך א גאנצע יאר זייט די פאריגע מאל איך האב זוכה געווען זיך משתטח צו זיין ביים ציון פון הייליגן רבי'ן. נאכן ענדיגן דעם תיקון הכללי האב איך אויסגעפלאצט אין א געוויין... איך האב אנגעהויבן זיך בעטן ביים רבי'ן אז איך בין דא פיר-טויזנט-זעקס-הונדערט-זיבן-און-ניינציג מייל אוועק פונדערהיים, אן א פאספארט, אן א מעגליכקייט ארויסצוגיין פון לאנד, אין א פרעמדע לאנד וואס האלט זיך אינמיטן שלאגן מיט איר שכן - רוסלאנד, אויב דארף איך מאכן א נייע פאספארט וועל איך דארפן דורכגיין ווייס-איך-וואס, און פארן ווייס-איך-וואו, און אנקומען אהיים ווייס-איך-ווען... איך האב נישט אויפגעהערט בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מאכן מיט מיר א נס איך זאל צוריק באקומען מיין פאספארט. איך האב געזאגט פארן אייבערשטן אז אויב גיי איך טרעפן מיין פאספארט גיי איך מפרסם זיין מיין מעשה פון תפילה פאר יעדן איינעם, זאל זיך יעדער איבערצייגן ווי גרויס די כח התפילה איז.

איך האב זיך געוואלט אויסבעטן נאך אסאך אסאך זאכן אבער מיין מח איז געווען סטאק מיט דעם, איך

האב זיך נישט געקענט מיישב זיין צו בעטן אויף אנדערע זאכן, איך האב נאר געקענט בעטן אויף דעם. אוועק גיין האב איך נישט געקענט אזוי שנעל, איך האב נישט וואו צו גיין אן א פאספארט... אבער נאכן דארט זיין גאר א לאנגע צייט זיך גוט גוט אויסבעטן האב איך געפילט ווי איך האב גע׳פועל׳ט.

איך גיי ארויס פון ציון און איך שפאציר אראפ די בארג פון ציון שפירנדיג אז איך האב גע׳פועל׳ט, דאסמאל בין איך שוין געווען אסאך רואיגער, איך זעץ מיך ארויף אויפן שאטל און מ׳הייבט אן פארן.

אויפן וועג צוריק צום בנין האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מיך כאטש דערמאנען וואו מיין פאספארט וואלט געקענט זיין. איך הייב אן צוריק צו טראכטן די גאנצע השתלשלות הנסיעה, און פלוצלינג בליצט אריין אין מיין קאפ א געשעעניש וואס האט פאסירט אויפן באן פון פשעמישל קיין וויניצע.

ווען די באן איז אנגעקומען צום גרעניץ פון פוילין און אוקריינע האט די באן זיך אפגעשטעלט און מ׳האט נישט געדארפט אראפגיין, מ׳איז געבליבן אויף די פלעצער און די אוקריינישע בארדער קאנטראל זענען ארויפגעקומען מיט די שמעק הונט צו פארזיגלען די פאספארטן.

איך געדענק ווי איך האב ארויסגענומען מיין פאספארט פון טאש גרייט זיי עס צו געבן, און נאכדעם.... ביז דא געדענק איך... וואס איז געשען נאכדעם?... איך האב זיך געבראכן קאפ אבער מער דעטאלן פונעם פאספארט האב איך זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאנען, איך מוז פרעגן דער וואס איז געזעצן נעבן מיר אויפן באן וואס דארט איז פארגעגאנגען...

אנקומענדיג אין בנין היכל הקודש הייב איך אן אפיר זוכן מיין שכן פונעם באן, ווי נאר איך טרעף אים הייב איך אים אן דערציילן די מעשה ביז ווי איך געדענק, און איך קען זיך נישט דערמאנען וואס האט ווייטער פאסירט. זאגט ער מיר אז ער געדענקט יא וואס איז ווייטער געשען, ער הייבט מיך אן דערמאנען וואס האט פאסירט דעמאלט אויפן באן:



## די פארלוירענע

# פאספארט

### 1:30 פארטאגס, דינסטאג האזינו א' שנת תשפ"ג, פשעמישל - פוילין

דער עולם שלעפט זיך ארויף אויפן באן מיט די זעק און פעק, מ'מאכט זיך באקוועם (אדער בעסער געזאגט - מ'פרובירט זיך צו מאכן באקוועם) אויף די זיצן, א חלק אידן קוקן אויף די האלב ליידיגע גלאז וויסנדיג אז מ'האט נאך א גוטע צוואנציג שעה אונטערוועגנס, די אנדערע טייל קוקן אויף די האלב פולע גלאז אז ווי נישט ווי צוואנציג שעה פון די נסיעה איז שוין אריבער, אבער מיט איין זאך איז יעדער איינינג, מיטן פאקט אז יעדע מינוט וואס גייט דורך קומט מען שוין נענטער און נענטער צום הייליגן רבי'ן זיך אויסצובעטן אלעס גוטס.




ווי נאר דער באן הייבט אן פארן האב איך פרובירט זיך אביסל צו צולייגן, אבער איך שלאף איין זייער שווער אינטערוועגנס, קוים אויפן עראפלאן קען איך כאפן א שטיקל דרימל... האב איך כאטש צוגעמאכט מיינע אויגן און זיך באגנוגנט מיט דעם.

בערך נאך א שעה פארן האט מען אויסגערופן אויפן באן אז מ'קומט שוין אן צו די גרעניץ פון אוקריינע, מ'קען בלייבן אויף די פלעצער און די קאמאנדירן, אין די מונדירן, גייען ארומשפאצירן, צו אלע פאסאנדזשירן, ארגענאזירן, יעדנ'ס פאפירן, זאל גע'חתמ'ט ווערן. איך האב ארויסגענומען מיין פאספארט פון טאש און געהאלטן אין מיין האנט גרייט עס איבערצוגעבן פאר זיי.

זיי קומען ארויף מיט די ריזיגע שמעק הונט אויף אונזער וואגאן און ממש פאר זיי זענען ארויפגעקומען בין איך ענדליך איינגעשלאפן... (דא הייב איך אן צו כאפן פארוואס איך געדענק נאר ביז דא, איך בין פשוט איינגעשלאפן... אבער ער דערציילט מיך וואס האט ווייטער פאסירט דארטן) דער אגענט פון די אוקריינישע גרעניץ וועכטער קומט צו צו מיר און וויל סטעמפן מיין פאספארט, זעענדיג אז איך שלאף הייבט ער מיך אן צו אויפוועקן, און דער גוטהארציגער שכן דערציילט מיך אז ער האט שוין מיטגעהאלטן פון אנפאנג וועג ווי איך פרוביר איינצושלאפן אבער ס'איז מיר פשוט נישט געלונגען, און יעצט ווען איך בין שוין ענדליך איינגעשלאפן האט ער פשוט געשפירט שלעכט אז שוין דארף מען מיך אזוי בארבאריש אויפוועקן, האט ער שטילערהייט ארויסגענומען מיין פאספארט פון מיין הענט און זיך

שיינערהייט געבעטן ביי אים ער זאל עס חתמ׳נען אן מיך אויפוועקן, מענה רך ישוב חמה, ער האט מסכים געווען, געסטעמפט דעם פאספארט און געגאנגען ווייטער.

דער שכן מיינער נעמט מיין געשטעמפלטע פאספארט און (דא האט זיך אנגעהויבן די מעשה) ער לייגט עס אריין אין די טאש אין פארנט פון מיין פלאץ, יעדע זיץ קומט מיט א טאש פון אונטן פארן פאסאנדזשיר אונטער אים אריינצולייגן פארשידענע חפצים, דארטן פאקט ער אריין מיין פאספארט טראכטנדיג אז די רגע איך וועק זיך אויף געבט ער מיך צוריק מיין פאספארט.

מיין דרימל האט זיך ווייטער געצויגן גאנץ לאנג, ממש ביים זון אויפגאנג האב איך זיך אויפגעכאפט, איך האב אינגאאאנצן פארגעסן וואס האט זיך געטון פאר איך בין איינגעשלאפן, גארנישט געדענקט וועגן די פאספארט, איך שטעל זיך זאגן סליחות און דאווענען שחרית מיט די מנין אין דער ראש ישיבה׳ס וואגאן, נאך שחרית הער איך ווי מ׳רופט אויס אז ביז געציילטע מינוטן קומט מען אן קיין ווינעצע ווי אלע גייען אפשטייגן פון די באנען, אבער דער עולם זאל וויסן אז די סטאפ גייט זיין פאר פינף מינוט פונקטליך ווייל די טרעין דארף ווייטער פארן, בעט מען דעם עולם זאל זיך יעצט צאמפאקן די חפצים און ווי נאר די טירן עפענען זיך זאל מיך זאפארט אפשטייגן. איך בין א וואוילער, איך פאלג... און די רעסט איז היסטערי׳...

איך האב זיך הערצליך באדאנקט פאר אים, סיי פארן אכטונג געבן אויף מיין שלאף און סיי פארן מיך איבערגעבן די קריטיש וויכטיגע אינפארמאציע, און איך גיי ווייטער.

דא בין איך שוין אביסל פרייליך געווארן, מיין פאספארט האב איך נאכנישט אבער די אנדערע מעשה פון תפילה איז שוין געשען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל כאטש וויסן וואו די פאספארט געפינט זיך, און דאס האב איך שוין באקומען, א פונקטליכע באריכט וואו ס׳איז! שכח אייבערשטער!

אבער מיט די אינפארמאציע וואו די פאספארט געפינט זיך קען מען נאכנישט ארויס פון לאנד, דעריבער האב איך נאכנישט אפגעשטעלט מיין מויל פון בעטן דעם אייבערשטן

> ער לאגט מיר אַז ס׳גייט קאסטן דעם ריכן סומע פון דריי טויזנט'... גרייוועו! (און ערך פון אכציג דאלער!) איך דערלאנג אים דאס געלט מיט נאך א ברייהארציגע טיפ פון צוויי גאנצע דאלער, און ער פארט אוועק...

נאכאמאל און נאכאמאל איך זאל צוריק באקומען מיין פאספארט ווי אמשנעלסטנס.

איך רוף אן ר׳ אלי קנויל פון די וועלט בארימטע פלען-איט-רייט פירמע, און איך דערצייל אים אז איך האב מיך דערמאנט פונקליך וואו די פאספארט געפינט זיך, וואגאן נומער 4 זיץ נומער 71 אין די טאש אין פארנט, און ער זאגט מיך אז ער וועט פרובירן דאס בעסטע.

איך בין שוין עטוואס רואיג געווארן, די אינפארמאציע האב איך שוין איבערגעגעבן, יעצט קען איך זיך שוין אראפזעצן עסן אביסל און לערנען מיינע שיעורים, צווישן די שורות האב איך דא דארט ארויסגעשעפשעט נאך און נאך תפילות צום אייבערשטן איך זאל שוין צוריק באקומען מיין פאספארט, און האב געזאגט פארן אייבערשטן: ״בדרך הטבע לייגט זיך עס נישט אויפן שכל איך זאל עס צוריק באקומען, אבער הייליגער באשעפער דו ביסט דאך אזוי גרויס, דו קענסט אלעס באווייזן, העלף מיך אייבערשטער!״

ס׳איז אריבער אפאר שעה פון לערנען און דאווענען, און אסאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט צוגעהערט מיינע תפילות, איך האלט אינמיטן לערנען מיין ח״י פרקים אינעם היכל בית מדרש אין אומאן, און ר׳ אלי קנויל קומט צו צו מיר מיט א שמייכל און זאגט מיר: ״מ׳האט עס געטראפן!״ איך געב א שפרינג אויף, און ער זאגט מיר: ״איך האב זיך פארבינדן מיטן דרייווער פונעם באן, איך האב אים געזאגט פונקליך ווי דו ביסט געזיצן, און ער רופט מיך יעצט אן זאגנדיג אז ער האט געפינען די פאספארט מיט דיין אינפארמציע דארט וואו דו האסט עס איבערגעלאזט!״

איך האב זיך נישט געקענט איינהאלטן, איך האב זיך ארויסגעלאזט אין א טענצל, איך בין געווען אזוי פרייליך, דער אייבערשטער האט מיך נישט פארלאזט! איך האב שוין געמיינט ס׳איז שוין עק וועלט, און דער

# פאספארט

אייבערשטער האט מיך געשיקט א ישועה!

ר' אלי זאגט מיר אז ער האט באשטעלט א טעקסי זאל אהערברענגען די פאספארט פון קיעוו (סתם א יאר קומען אן יעדע מינוט נאך אידן פון קיעוו, דארט איז די מערסט באנוצטע לופטפעלד אין אוקריינע, אבער נאר אין געווענליכע אומשטענדן, יעצט אין די מלחמה סעזאן קומט יעדער אריין פון אנדערע לענדער און נישט פון קיעוו, האט מען געדארפט באשטעלן אן ערל זאל עס אפיר ברענגען), מארגן ניין אזייגער אינדערפרי וועט ער זיין דא אינדרויסן.

א גאנצע נאכט בין איך שוין געווען אזוי פרייליך אז מ'האט געטראפן די פאספארט, איך האב אנגעהויבן פארציילן די מעשה פון תפילה פאר




געציילטע אידן דארט, און זיי זאגן מיר אז זיי האבן גארנישט באמערקט אויף מיר עפעס זארגענישן אדער אומבאהאלפנקייט, איך האב טאקע קיינעם נישט דערציילט ווייל קיינער האט מיך סייווי נישט געקענט העלפן, נאר דער אייבערשטער אליין.

**9:00 אינדערפרי, דאנערשטאג האבינו א' פארנט פון בנין היכל הקודש - אומאן**

איך שטיי אינדרויסן פונעם בנין מיט א קליינע משניות'ל, און פלוצלינג קומט אן א קליינע אוקריינישע קאר און א רוסקי שפאצירט ארויס פון קאר האלטנדיג אין די האנט א באגאזש, ער קומט צו צו מיר און ער פרעגט מיר צו איך בין עס, איך האב שוין נישט געהאט קיין צייט צוווארטן, ער זאגט מיר אז ס'גייט קאסטן דעם ריזן סומע פון דריי טויזנט... גריוונע! (אן ערך פון אכציג דאלער...) איך דערלאנג אים דאס געלט מיט נאך א ברייהארציגע טיפ פון צוויי גאנצע דאלער, און ער פארט אוועק.

מיין קאפ האט זיך דעמאלטס שוין גוט אויפגעסעט, וויסנדיג אז דער אייבערשטער איז זייער גרויס, און אז מען פארלאזט זיך אויף א מענטש איז מען אין א בעד שעיפ... אזוי ווי דער רבי זאגט: "אל תבטחו בבן אדם שאין 'לו' תשועה, פארלאז דיך נישט אויף א מענטש וואס קען אפילו 'זיך' אליין נישט העלפן"... און אז מען פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן, מען פארלירט זיך נישט, מען בעט דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל - וועט דער אייבערשטער דיך נישט פארלאזן און דו וועסט זען דיין ישועה.




# מיט **חנוכה געלט** קען מען נישט מאכן שבת

## שיינט אריין ביי זיי אביסל ליכטיגקייט

דער בית התבשיל פארטיילט
וועכענטליך בדרך כבוד גאנצע שבת
ארדערס פאר צענדליגע משפחות ווי
אויך פארטיילן מיר קלענערע סכומים
פאר נויטבאדערפיגטע משפחות.

העלף
דיין שכן,
**דיין קרוב,**
**דיין ידיד.**

רופט אריין מיט אייער נדבה
אין זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

ZEBRA

גרשון קרעמער



# די אידישע שפראך

לינגוויסטן (שפראך מומחים) טיילן איין שפראכן אין "משפחות", איינע פון די גרעסטע שפראך משפחות זענען די "אינדאגערמאנישע" שפראכן, וואס באשטייט פון אזעלכע שפראך משפחות ווי "גערמאנישע שפראכן", וואס אנטהאלטן פילע שפראכן אריינגערעכנט ענגליש, דייטש, האלענדיש, שוועדיש, דעניש, נארוועגיש, איסלאנדיש, און אונזער באליבטע אידיש. נאך פילע שפראך משפחות געפונען זיך אונטער די אינדאגערמאנישע משפחה ווי צום ביישפיל די "ראמאנישע" משפחה (שפאניש, פראנצויזיש, איטאליעניש), די "סלאווישע" משפחה (רוסיש, פויליש, טשעכיש), און נאך.

דערפאר ווען אידיש רעדנדע באמערקן אז ווערטער אין אידיש וועלכע זענען זייער ענליך צו ענגליש, זאלן זיי נישט מאכן א טעות אז דאס איז נישט קיין אידישעווארט, און עס א ווארט וואס איז געבארגט געווארן פון ענגליש, ווייל דאס איז זייער אסאך מאל נישט אזוי, ווייל אידיש און ענגליש זענען גאנץ נאנטע קרובים, און אין די שפראך וועלט זענען זיי גאנץ נאנט. אויסער די פילע ווערטער וואס אידיש און ענגליש זענען ממש די זעלבע ווי פינגער, גרין, מוזיק, און נאך הונדערטער זענען דא נאך טויזנטער ווערטער וואס זענען "כמעט" איינאיג, ווי צום ביישפיל טרונק, הוט, נאז, נאגן, האמער, האנט, וואס די ווערטער האבןביידע שפראכן גענומען פון דייטש.

עס איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז אידישע קינדער אין אלע דורות במשך די גלות האבן אלץ אדאפטירט די שפראך ווי זיי זענען געווען און אנטוויקעלט דערפון א שפראך אנדערש ווי די גוים פונקט ווי אונזערע רבי'ס האבן געטון מיט די דייטשע שפראך.

עס איז באקאנט אז די אידן אין די אראבישע לענדער האבן גערעדט אן אייגענע אראביש וואס מען האט געשריבן מיט אל"ף בית, אזוי אויך אין די שפאנישע לענדער האבן אידישע קינדער אנטוויקעלט די "לאדינא" שפראך וואס איז געווען א אידישע שפאניש, און באמת איז דאס אויך די זעלבע זאך וואס די אמוראים האבן געטון אין די צייטן פון די גמרא, ווען זיי האבן גערעדט ארמיש אבער אויף א אידישע וועג.

ביי אלע פון די אויבנדערמאנטע פעלער, טרעפט מען עטליכע זאכן וואס די שפראכן זענען געווען אנדערש ווי די גויאישע שפראך פון וואו זיי זענען געקומען, מען האט עס ארויסגעזאגט אנדערש, מען האט עס געשריבן מיט אל"ף בית, און מען האט אריינגעמישט דערין לשון הקודש.

צדיקים האבן געזאגט אז אידיש איז א הייליג שפראך ווי מען זעט פון עטליכע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אבער כאטש אידיש האט א ספעציעלע חשיבות, זאגט דער ראש ישיבה שליט"א אז דאס מיינט נישט אז אלע מוזן רעדן צום אויבערשטן דווקא אויף אידיש, ווען עס קומט צו רעדן צום אויבערשטן זאל מען רעדן אין די שפראך וואס איז די מערסטע באקוועם, זאל עס זיין ענגליש, רוסיש, שפאניש, אדער סיי וואס.

און בכלל זאגט דער רבי אז לשון הקודש מיינט עפעס אנדערש וואס אסאך מיינען, מען קען רעדן אידיש אדער אפילו ענגליש און נאך אלץ רעדן לשון הקודש. דער רבי זאגט אז לשון הקודש מיינט א "הייליגע שפראך" און א איד וואס רעדט וועלכע שפראך עס זאל נאר זיין, אבער ער געבט אכטונג נאר צו רעדן הייליג און רעדט נישט קיין ניבול פה, דער רעדט לשון הקודש, אבער אויב איינער רעדט אידיש אבער ער שטעכט אנדערע, ער רעדט מיאוסע ווערטער, ער דארף תשובה טון, עס העלפט נישט אז ער רעדט אידיש.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אייביג קענען היטן דאס מויל, קיינמאל נישט רעדן קיין שקר, חנופה, לשון הרע, רכילות, נאר רעדן אסאך פונעם אויבערשטן, אסאך רעדן צום אויבערשטן, און לערנען און דאווענען, וועלן מיר האבן א הייליגע שפראך.



# שוויצן און היצן

ר׳ יעקב שפאצירט געמיטליך אין א רואיגן זומערדיגן שבת נאכמיטאג, ער הייבט אן זיין שפאציר שמועס צווישן די גראז און ביימער, ווי ער עפענט זיך אויף זיין הארץ און דאנקט דעם אויבערשטן פאר אלע זיינע חסדים וואס ער טוט מיט אים. ביי בערך פופצן צוואנציג מינוט אין זיין שפאציר הייבט ער אן צו שפירן ווי עס הייבט אן צו קומען טראפענס וואסער פון זיין פנים, און אזוי נישט מיר נישט דיר, איז זיך די זון ארויסגעקומען, און די טעמפעראטור האט זיך געהויבן מיט א שיינע פאר נומערן. דאס האט געמאכט ר׳ יעקל טראכטן ״פארוואס האט דער באשעפער געמאכט מיר זאלן שוויצן ווען מיר ווערן הייס?״, ״וואס איז די תועלת פון שוויצן?״, שטייענדיג יעצט אנפאנג ווינטער ווען מיר דארפן זיך ארומוויקלען מיט שאלן און הענטשוך ווען מיר גייען ארויס אין גאס, איז געשמאק צו טראכטן פון די זומער׳דיגע דאגות פון שוויצן...

שוויצן איז א קריטיש וויכטיגע זאך פאר א מענטש, אויב א מענטש וואלט נישט געשוויצט וואלט ער געווען אין א גאר גרויסע סכנה טאג טעגליך. דער אויבערשטער האט באשאפן אז די טעמפעראטור אין א מענטש׳ס קערפער דארף זיין ביי 98.6 פערנהייט (אדער 37 צעלסיוס), אויב א מענטש איז אויסגעשטעלט פאר א לענגערע צייט צו מער היץ, צי דורך ווילן אין א הייסע סביבה, צי זאל עס זיין דורך ארבעטן שווער, האט דער אויבערשטער באשאפן אינעם מענטש ספעציעלע ״שווייס גלענדס״ וועלכע געבן ארויס פיצעלעך טראפעלעך וואסער ארויס צו די אויבערפלאך פון די הויט, און דער אויבערשטער האט אזוי איינגעשטעלט אז ווען וואסער ווערט עוועפארירט (וואס מיר זעען דאס אלץ ״וואסער וואס האט זיך אויסגעטרוקענט״) וועט עס ארויסצוען ענערגיע-היץ פון די פלאץ אויף וואס ער זיצט, און דערמיט וועט זיך די וואסער טוישן פון א פליסיגע פארעם צו א געז, און ווערן וואסער וואס איז אויסגעמישט מיט די לופט, און דאס איז בכח אפצוקילן א מענטש.

האט איר שוין אמאל געטראכט פארוואס ווען מען קומט ארויס פון מקוה שפירט מען זייער קאלט, אבער ווען מען ענדיגט זיך אפווישן איז די טעמפעראטור געשמאק? דאס קומט צוליב וואס די פילע וואסער טראפענס וואס ווערן ״אויסגעטרוקענט״ פונעם קערפער וואס קילט אפ דעם מענטש.

אבער, דאס איז נאר אויב דער מענטש איז אין א טרוקענע פלאץ, ווייל ווי געזאגט, וואו גייט דאס וואסער? עס ווערט ״אויסגעמישט״ מיט די לופט, און לופט האט א שיעור וויפיל וואסער עס קען ארייננעמען. קאלטע לופט קען נעמען ווייניגער וואסער, און הייסע לופט קען נעמען מער וואסער, און דערפאר ווען א מענטש וועט נעמען א שויער אין א קליינע פלאץ און די גאנצע לופט וועט שוין זיין דאס מערסטע ״נאס״ וואס מעגליך, וועט מען בכלל נישט שפירן אז די נאסקייט מאכט אים קאלט, אבער אין די רגע עס קומט אריין טרוקענע לופט אינעם צימער הייבט מען גלייך אן צו שפירן א קעלט.

עס זענען דא מענטשן וואס די שוויצן מעכאניזם ארבעט נישט אזוי גוט, געוועינליך קליינע קינדער און עלטערע מענטשן, ביי זיי איז וויכטיג אז מען זאל אכטונג געבן אז זיי זאלן נישט זיין אויסגעשטעלט צו קיין גרויסע היצן, כדי אויסצומיידן סכנות.

אויך איז כדי צו באטאנען אז ווען מען שוויצט געבט די קערפער ארויס איר אייגענע וואסער וואס זי דארף זייער וויכטיג האבן צו קענען פונקציאנירן געזונט, און ווען מען איז אויסגעשטעלט צו שוויצן איז זייער וויכטיג צו טרונקען גענוג כדי צו צוריק אנפילן די רעזערווארן פון וואסער. און אויך ביי דעם זענען קינדער און עלטערע געוועינליך שוואכער, זייער דורשט חוש איז שוואך, און מיר דארפן זיכער מאכן אז די קינדער און די עלטערע אויף וועמען דער באשעפער האט אונז געגעבן אחריות זאלן טרונקען גענוג.

נאכדעם וואס ר׳ יעקב האט אריינגעטראכט אין די געוואלדיגע חסד פון אויבערשטן האט ער צוגעלייגט נאך א דאנק צום אויבערשטן ״ישר כח באשעפער אז איך שוויץ״!




**משה ארי' שניצלער**



# אין פסיכיאטרישן אנשטאלט





איך בין געווארן גוט פארשעמט!

איך בין געווארן שטארק פארשעמט אין קרית טאהש, קאנאדע!

איך בין געווארן פארשעמט פון די וועג ווי מ'טיילט דארט צדקה מיט א ברייטע האנט! כ'האב אלץ געהערט אז אין טאהש געט מען צדקה מיט אזא ברייטע האנט וואס איז זעלטן צו געפינען, אבער וואס איך האב דארט געזען מיט מיינע פליישיגע אויגן, איז אריבער אלע ערווארטונגען, מ'מעג קומען זיך לערנען דארט וואס הייסט ווארפן געלט אויף צדקה.

אבער איך מוז דא מפרסם זיין צוויי הערליכע "מעשיות פון תפלה", בשייכות מיט מיין נסיעה קיין מאנטריאל.

איך בין געפארן קיין מאנטריאל אויף א חתונה, שוין עטליכע וואכן פריער האב איך געבעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג, "הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל האבן א גרינגע רייזע קיין מאנטריאל, עס זאל נישט זיין קיין זכר פון קיין שניי, די ווינטער זאל זיך בכלל נישט אנהייבן ביז איך קום צוריק, העלף מיר אייבערשטער, איך האב נישט ליב צו דיל'ן מיט שניי ביים פארן אויף א לאנגע רייזע, העלף מיר באשעפער". אזוי האב איך געבעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג, און וואונדער איבער וואונדער, ס'איז געווען א אויסנאמליכער וועטער, וואס איז בכלל נישט די שטייגער אין די יעצטיגע צייט פון יאר, שכח אייבערשטער פאר די הערליכע "מעשה פון תפלה".

די צווייטע "מעשה פון תפלה" איז געווען וועגן די כולל, אזוי ווי די נסיעה קיין מאנטריאל האט אויפגענומען א האלבע וואך האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן, "הייליגער באשעפער העלף אז די גאנצע וואך פון די כולל (זעקס טויזנט דאלער) זאל זיין געדעקט פאר איך פאר ארויס, איך זאל נישט האבן קיין טראפקעלע לחץ פון די כולל במשך די גאנצע רייזע, העלף מיר אייבערשטער בזכות רבינו נחמן

# אפדאנקען



בן פיגא, ובזכות רבינו אליעזר שלמה בן מנחם זאב". און ס'איז געווען גרויסע נסים אז די כולל איז געווען געדעקט אין די ערשטע צוויי טעג פון די וואך, און דערנאך איז געווען א שיינע רואיגע רייזע.

עטליכע טעג פאר די נסיעה רופט מיך אן מיין טייערע חבר מו"ה יואל מאשקאוויטש הי"ו און פרעגט מיך ווען פארסטו צוריק אהיים פון מאנטריאל? זאג איך דאנערשטאג צופרי', ווען צופרי? גלייך די ערשטע זאך צופרי' פאר איך אהיים, מקוה, דאווענען און אהיים. זאגט מיר יואלי, טו דאס נישט! פאר נישט אהיים אן גיין נאך געלט אין טאהש! מ'טיילט דארט זייער שיין!

כ'בין געווען א שטיקל איבער חכם, כ'האב געטראכט איך גיי זיך שיין באדאנקען, אבער איך פאר אהיים גלייך נאך מקוה און שחרית און איינקויפן היימישע מאנטריאלע קאקאשקעיק.

יואלי האט מיך געקאלט שפעטער נאכאמאל צו מאכן זיכער למען השם דו מוזט איינמאל בייוואוינען ווי מען געבט צדקה אין טאהש, שטילערהייט האב איך געטראכט, אז אויב יואלי גייט עס אין לעבן צו רופן צוויי מאל מיינט עס עפעס, יואלי איז א בר דעת, עפעס מוז דא זיין, אבער איך האב עס נישט געטראכט אויף למעשה, טאהש געבט טאקע צדקה, אבער איך מוז שוין זיין אינדערהיים.

זייענדיג אין מאנטריאל איז יואלי צוגעקומען שמועסן מיט מיר, האב איך אים געפרעגט די GPS אדרעס, און ער זאגט מיר נאכאמאל דו וועסט נישט חרטה האבן...

**פאר נישט אהיים אן גיין נאך געלט אין טאהש!**



דאנערשטאג האב איך זיך אויפגעוועקט אכט אזייגער, געטרינקען א קאווע, אביסל געלערנט, נאכדעם האב איך געטראכט אנשטאט צו דאווענען אין מאנטריאל, לאמיך שוין צופארן ביז טאהש. איך האב אריינשפאצירט אין בית המדרש צוואנציג מינוט נאך צען, ביז פינף מינוט האב איך געזען אז יואלי האט מיך נישט אפגענארט, די צדקה אין טאהש איז איינס אין דער וועלט!

מיין מחותן'ס ברודער מו"ה ר' שמואל לייב הי"ו האט געגעבן א שיינע ספעציעלע נתינה, אויך מיין ברודערס מחותן מו"ה ר' זלמן הי"ו האט געגעבן א ברייטע הארציגע נתינה, איך בין געווען איבערגענומען ביז גאר!



# אפדאנקען






נעבן די מקוה האב איך געזען צו פארקויפן דעם ספר "דער הייליגער פלאם", פערטע באנד, העליכע עובדות פון כ"ק אדמו"ר מ'טאהש זכר צדיק לברכה, כ'האב עס נישט געקענט אראפלייגן פון די הענט, כ'האב אריינגעלייגט דארט אין די פושקע זעקס און צוואנציג אמעריקאנער דאלער און אהיימגעברענגט דעם געשמאקן ספר, ממש א הארץ דערקוויקעניש.

דעם ערשטן באנד פון "דער הייליגער פלאם" האב איך געקויפט תשע"ז, א אוצר פון הערליכע עובדות וסיפורים.

פאר איך בין אוועקגעפארן פון טאהש, האב איך באזוכט אין "ממלכת" ספרים געשעפט, כ'האב געקויפט צוויי דיקע בענדער פון "לאמיר דערציילן", וואו עס ווערט דערציילט גאר שיינע מעשיות פון צדיקים.

זייענדיג אין מאנטריאל האב איך געהאט די געלעגנהייט צו זען ווי דער מפיץ ר' שלום גייט אן מיט א עזות דקדושה, ער פארשפרייט די קונטרסים עצתו אמונה וואס איז מגלה אז א מענטש קען לערנען תורה יעדן טאג פון יאר, און אז דער אייבערשטער הערט אויס יעדע בקשה, אפילו זאכן וואס טייל מענטשן רופן גשמיות אדער קינדערישע זאכן (א קאר, א הויז, א געשמאקע נאכטמאל, א שיינע רעקל).

כ'האב אויך געזען וואס מוהרא"ש האט געזאגט אז הפצה איז א גאראנטירטע הצלחה'דיגע ביזנעס, כ'האב געזען ווי איינער געבט אים א גלאטע הונדערטער.

**"דער הייליגער פלאם", פערטע באנד, העליכע עובדות פון כ"ק אדמו"ר מ'טאהש זכר צדיק לברכה**

שלום זאגט מיר אז ס'גייט אים נישט אן צו מ'נעמט די ספרים אדער נישט, "איך מוז טון מיין פליכט, איך מוז עפעס צוריקגעבן פאר'ן רבי'ן פאר די שיינע לעבן וואס איך האב באקומען. אז איך פיל מיך אין גן עדן ווען איך זאג משניות, מוז איך דאס געבן פאר נאך מענטשן".

שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט עטליכע מאל די זכי' צו זען דעם הייליגן איד, כ"ק אדמו"ר מ'טאהש זכר צדיק לברכה. איינמאל איז עס געווען תשנ"ט (אדער תש"ס) איך בין געפארן מיט מיין משפחה צו ווײלן א שבת אין קרית טאהש, מיין זון מו"ה יוסף הי"ו, מגיד שיעור דישיבה היכל הקודש ב'קרית ברסלב, ליבערטי, איז נאך געווען א פיצל קינד, קוים ארויסגעזאגט א ווארט, ס'איז געווען זייער א דערהויבענע שבת, עס קלינגט מיר נאך אין די אויערן די כל מקדש פרייטאג צו נאכטס, בייטאג האט מען געלאדנט די געסט זאל מיטעסן די סעודה ביים טיש, ס'איז געווען זייער דערהויבן.

אויך בין איך געווען ביים טיש פרייטאג צו נאכטס ערגעץ אין די תש"מ יארן, כ"ק אדמו"ר מ'טאהש זצ"ל איז דעמאלטס געווען צוגאסט אין וויליאמסבורג, דער טיש איז פארגעקומען אין די גרויסע זאל פון ps16 א קראס די



סטריט פון טאהש'ער בית המדרש אויף ווילסאן סטריט, ס'איז געווען א ריזן געפאקטער עולם, מענטשן זענען אנגעלאפן פון אלע עקן שטאט מיטצוהאלטן די לעכטיגע טישן, איך געדענק יענעם טיש קלאר אזוי ווי ס'וואלט געווען א חודש צוריק.

אזוי פארנדיג אויף די לאנגע נסיעה אויפ'ן ניו יארק טראוועי האב איך געטראכט א געדאנק וואס איז וויכטיג צו נעמען אין קענטעניס.

די רעדע איז פון א פופציג זעכציג יאר צוריק.



אינמיטן די טראוועי פארט זיך א אלטע סטעישן וועיגן, עס זיצט ביים רעדל א אלטער פויער, ער קוקט אויס ווי ניינציג אדער הונדערט יאר אלט, ער כאפט נישט אז זיין ספיד פון פופציג מ.פ.ש. האלט אויף דעם גאנצן עולם.

אונטער אים איז א אינגערמאן אין א מעכטיגע סובורבען און בייזערט זיך הויך אויפ'ן קול, פארוואס קען מען נישט באזייטיגן די אלטע דרייווערס?!

דער אינגערמאן ווייסט נישט אז דער וועם ער רופט דא "אלטער", ער האט גאר געבויעט דעם הייועי אויף וואס דו פארסט יעצט! די גאנצע געדאנק אז ס'איז דא אזא זאך ווי א "אינטערסטעיט הייועי" דאס האט איינער געמאכט! דאס איז נישט אייביג געווען! ווען מען וואלט באזייטיגט דעם מענטש וואלסטו יעצט געפארן פון ברוקלין ביז מאנטריאל אויף א ראוד פון איין איינציגע לעין!

**פארוואס קען מען נישט באזייטיגן די אלטע דרייווערס?!**

דער "אלטער" איז רעקס וויטאן, וואס האט געראטעוועט דעם "אינטערסטעיט הייועי סיסטעם".

דוויט אייזנהאוער איז געווען א גענעראל אין די אמעריקאנער ארמיי אין די צייט פון די צווייטע וועלט מלחמה, שפעטער איז ער געווארן דער אמעריקאנער פרעזידענט, זיצנדיג אין דעם ווייסן הויז האט ער צוליב דריי סיבות פארגעשלאגן די גרויסע וואונדער וואס רופט זיך "די אינטערסטעיט הייועי סיסטעם" א. מ'זאל קענען גרינגער אנטלויפן פון איין שטאט צו די אנדערע אין פאל פון א נוקלעארע אטאקע, חס ושלום, ב. ער האט געזען אין דייטשלאנד א געלונגענע סיטעם פון גלייכע גראדע הייוועיס און ס'האט אים געפאלן, ג. אז פראדוקטן קומען אן גרינגער פון איין פלאץ צום צווייטן מאכט דאס שטערקער די עקאנאמיע.

אומר ועושה, מ'האט אנגעהויבן בויען, נאך עטליכע יאר האבן אסאך מענטשן זיך אנגעהויבן קעגנשטעלן די אינטערסטעיט הייוועיס און געפאדערט אז מ'מוז עס אפשטעלן ווייל עס צושניידט געגנטער, עס רוקט ארויס

# געדאנקען



מיליאנען מענטשן פון זייערע היימען (אזוי ווי למשל די בי. קיו. אי. אין וויליאמסבורג) און די קאסט איז צו הויך פאר די מינימאלע אויפטוען, האבן די קעגנער געשריגן. לויט ווי זאכן האבן אויסגעזען איז דער אינטערסטעיט געווען כמעט נאך סתימת הגולל.

דוויט אייזנהאוער האט זיך געבעטן ביי רעקס וויטאן ער זאל קומען ראטעווען דעם מצב, און ער איז געווען סוקסעספול, די התנגדות איז געווען אומגעהויער גרויס, אבער ער האט געהאט א וואונדערליכע אויסהאלט קראפט צו פארנעמען לחץ און היינט איז נישט דא קיין איין מענטש אין גאנץ אמעריקע וואס נוצט נישט דעם "אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם"! (מ'רעדט אפילו דו גייסט נאר לאקאל, למשל אויב דו גייסט פון וויליאמסבורג צו בארא פארק, אדער צו לאגווארדיע עירפארט ביסטו אויפן אינטערסטעיט סיסטעם!) "רעקס וויטאן" איז דער מענטש וואס באקומט קרעדיט פאר טריליאנען דאלער סחורות וואס ווערט געליפערט פון דא קיין דארט, ווייל ער האט זיך נישט געבויגן צו די אומדערטרעגליכע דרוק פון די קורצזיכטיגע מענטשן וואס האבן כמעט מצליח געווען אפצושטעלן די אינטערסטעיט קאנסטרוקציע. רעקס וויטאן האט געהאלפן יעדן איינציגן מענטש אין אמעריקע אנקומען צו נאנטע און ווייטע פלעצער, יעדע הויזן, העמד, שיך, ברויט (ווייץ) און קאקאשקעיק וואס דו נוצט, איז געקומען צו דיר דורך די אינטערסטעיט סיסטעם וואס רעקס וויטאן האט געבויעט אונטער א התנגדות פון פינעף און ניינציג פראצענט!

**היינט איז נישט דא קיין איין מענטש אין גאנץ אמעריקע וואס נוצט נישט דעם "אינטערסטעיט הייוועי סיסטעם"!**

און אונזער טוטער אין דעם סובורבען פרעגט ווער איז דער אלטער, ער האט דיר געבויט דיין הייוועי וואו דו זאלסט קענען אנקומען צו דיין ציל!!! בייס נישט די האנט וואס געבט דיר ברויט!

הערט און שטוינט! איך טרעף א איד און ער הייבט אן האקן אויף רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, איך שמועס אזוי ארום מיט דעם איד, וואו וואוינט איר? אין טשיקאגא, וואו זענט איר אויפגעוואקסן? אויך אין טשיקאגא. זאג איך אים א איד פון טשיקאגא קען האבן א מיינונג אויף סאטמארער רבי? עס שטימט נישט!

פרעג איך אים ווי אלט זענט איר? זאגט ער ער איז געבוירן ניינצן זעכציג (תש"כ).

פרעג איך אים דו ווייסט וואס סאטמארער רבי' האט געטון פאר טשיקאגא? זאגט ער ניין!

אין יאר תש"ב איז רבינו הקדוש מ'סאטמאר געפארן קיין טשיקאגא צו שאפן געלט פאר די מוסדות אין ארץ ישראל. ס'איז אריינגעקומען א שיינע סכום פון פינף טויזנט דאלער. זונטאג זענען געקומען רבנים פון שטאט באזוכן דעם רבי'ן און האבן אים אויך געבעטן צו קומען באזוכן די מקוה טהרה,





בשעת'ן באזוכן די מקוה האט מען איבערגעשמועסט מיט'ן רבי'ן עטליכע שאלות אויף די מקוה וואס איז נישט געווען אינגאנצן לכתחילה'דיג, האט דער רבי' געפרעגט אפשר זאל מען עס פאררעכטן אז ס'זאל בכלל נישט זיין קיין שאלה, האט מען געענטפערט אז ס'איז נישט דא קיין געלט, האט דער רבי' געפרעגט וויפל געלט פעלט? האט מען אים געזאגט פינף טויזנט דאלער, האט דער רבי געזאגט איך בין גרייט אוועק צו געבן פאר די טשיקאגא'ער מקוה די פינף טויזנט וואס איז אריינגעקומען, האבן די רבנים געזאגט אז אויב אזוי ווילן זיי דער רבי' זאל נעמען פון זיי פינף טויזנט דאלער פאר זיינע מוסדות און ער וועט עס אפצאלן שפעטער, בעסערמינער רב זכרונו לברכה האט אויסגעלייגט דאס געלט און באקומען פון רבי'ן א שטר התחייבות אז דער רבי' איז אים שולדיג פינף טויזנט דאלער, און אזוי האט מען פארראכטן די מקוה אז ס'זאל נישט האבן קיין שאלות, דורך די געלט וואס דער סאטמארער רבי האט צוגעשטעלט, און נאכדעם קומט א אינגערמאנטשיק מיט א גאנצע מיינונג אויפ'ן רבי'ן! בייס נישט די האנט וואס געבט דיר ברויט! אויב דיינע עלטערן האבן געהאט א טובה פון סאטמארער רבי'ן קענסטו נישט האבן א מיינונג אויף דעם צדיק. קענסט האבן א מיינונג אויף פאלאפל מיט חומוס, נישט אויף צדיקים.

מענטשן וואס זענען נעבעך אנגעשטעקט פון די מחלה פון רעדן אויף ערליכע אידן, "פארשטיין" צו צדיקים, אדער האבן א מיינונג אויף צדיקים, דאס קומט נעבעך פון חסרון ידיעה, ער ווייסט פשוט נישט אז זיינע עלטערן און זיידעס האבן זיך געהאלטן ביי אידישקייט נאר דורך צדיקים.

דאס וואס דו ביסט געבוירן אין א שטוב וואס מ'האלט תורה און מצות, איז נאר ווייל דיינע עלטערן און זיידעס האבן געלעבט מיט צדיקים.

**די יסוד פון א איד איז אמונת צדיקים.**

און וואס איז די שיטת הבעל שם טוב הקדוש זכותו יגן עלינו? און וואס איז די שיטת הגר"א זכותו יגן עלינו? מאך נישט די טעות וואס אסאך מאכן, אז מ'הייבט אן רעדן ברייט פון צדיקי אמת, קען מען חלילה כאפן א קלאפ, חס ושלום.

די יסוד פון א איד איז אמונת צדיקים. אז מ'עסט חלילה יום כיפור, אדער חמץ אום פסח, איז עס א איסור כרת. אבער ווען איז פסח? ווען איז יום כיפור? דאס מאכן די חכמים! די גאנצע לוח, יעדן איינציגן ראש חודש, האט דער הייליגער באשעפער



דא זעט מען מוהרא"ש צווייטער פון לינקס ביי א טאהש'ע חתונה



**דו קענסט נישט וויסן וועלבע צדיק האט געהאלטן ביים לעבן דיין זיידן און עלטער זיידן.**



איבערגעגעבן אין די האנט פון די הייליגע חכמים. הלועג על דברי חכמים נידון בצועה רותחת! אן אמונת חכמים הייבט זיך נישט אן די גאנצע תורה.

זאג מיר נישט אז דו רעדסט נאר אויפ'ן הייליגן רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו, אבער נישט אויף רבי שמעון בר יוחאי, אויב דו רעדסט אויף צדיקים גלייבסטו נישט אין גארנישט, דאס וואס דו האסט מורא צו רעדן אויף תנאים און אמוראים, איז נאר ווייל ס'איז נישט פאפולער. אין הארץ האסטו כפירה אין באשעפער און אין אלע צדיקים מימות עולם, נאר דו האסט פשוט מורא מ'וועט דיך איינשפארן אין פסיכיאטארישן אנשטאלט האלטסטו זיך אביסל צוריק פון רעדן אויף פריערדיגע.

איינער גייט מיט זיין כפירה ביז הונדערט יאר צוריק, איינער גייט ביז צוויי הונדערט יאר צוריק, איינער ביז דריי הונדערט יאר צוריק, אבער דאס איז נאר וואס ער רעדט צווישן מענטשן, ביי זיך אין הארץ גלייבט ער מער די כפירה וואס רעדט פון מאלפעס ווי ער גלייבט אין שולחן ערוך, גמרא, משניות.

מאך זיך נישט נאריש, דו קענסט נישט וויסן וועלכע צדיק האט געהאלטן ביים לעבן דיין זיידן און עלטער זיידן, די לעבן איז שווער, און יעדער וואס מאכט דאס דורך בשלום, האט געהאט א צדיק וואס האט אים געגעבן אויסהאלט קראפט אין טאג טעגליכן לעבן.

געדענק'זשע, געדענק'זשע, אין דיין קעפעלע האט דער הייליגער באשעפער אריינגעלייגט צוויי חלקים. איינס איז די הייליגע נשמה וואס דו האסט, וואס ברענט און פלאקערט יעדע רגע צו לויפן צום אייבערשטן, די צווייטע חלק איז די גרויסע יצר הרע וואס ציט א מענטש אפצולאכן פון צדיקים. יעדער מענטש האט די ביידע כוחות, אויב ער געבט נאר א קליינע בייג צו די גוטע זייט, וועט די הייסע ברענעדיגע פלאקערדיגע נשמה-פייער אים ציען צום אייבערשטן, צו לעבן א גן-עדן-לעבן דא בזה העולם התחתון.

הייב אן לעבן מיט אמונת צדיקים. אז די תורה זאגט אז זאגן משניות ברענגט אלע מיני ברכות, לוינט זיך צו פרובירן, ווער ווייסט פארדינען פון דעם? נאר דו!




# ביי אים איז ליידער

# חושך אפילה

## שיינט אריין ביי זיי אביסל ליכטיגקייט

דער בית התבשיל פארטיילט וועכענטליך בדרך כבוד גאנצע שבת ארדערס פאר צענדליגע משפחות ווי אויך פארטיילן מיר קלענערע סכומים פאר נויטבאדערפיגטע משפחות.

העלף
דיין שכן,
דיין קרוב,
דיין ידיד.

רופט אריין מיט אייער נדבה
אין זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

בית התבשיל

ZEBRA

# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִּיק



### וֶוער וֶועט אַייךְ אִיבֶּערְנֶעמֶען?

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גָאר שְׁטַארְק אַרוֹיס גֶעהָאלְפְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וּבִפְרַט אִין דִי יָארְן פוּן דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיף רֶבִּי נָתָן, אִיז עֶר גֶעוֶוען פוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר רֶבִּי נָתָן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם אָפְּהַאלְט.

עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי נָתָן אִין דֶער עֶפֶענְטְלִיךְ אָן קַיין מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אוּן גָאר אַסַאךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן, וָואס דָאס הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן אַ גְרוֹיסֶע הָאפֶענוּנְג צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אַריינְבְּרֶענְגֶן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

צוּלִיבּ דֶעם וָואס רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים אַנְטְפְּלֶעקְט עִנְיָנִים וָואס עֶר הָאט נִישְׁט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט פַאר ר' אַהֲרֹן בֶּן ר' אַבְרָהָם חַיִּים ז"ל פוּן שְׁטָאט אוּמַאן בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "אִיךְ גְרֵייט צוּ אַלְסְדִינְג מִיטְן פֶּען, דֶערְנָאךְ וֶועט נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אוֹיךְ קֶענֶען פִירְן דָאס רֶעדְל".

רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צוּ פָארְן צוּ דִי שְׁטֶעטְלֶעךְ בַּיי דִי בַּאשְׁטִימְטֶע שַׁבָּתִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צוּ פָארְן, וִוי לְמָשָׁל שַׁבַּת שִׁירָה צוּם שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע, שַׁבָּת נַחֲמוּ צוּם שְׁטָאט טְשֶׁערִין, אוּן נָאךְ אֵיין שַׁבָּת אִין וִוינְטֶער. רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט אוֹיךְ אַמָאל מִיטְפָארְן, אָבֶער נִישְׁט מִיט אַ קְבִיעוּת.

בַּיים לֶעצְטְן יָאר פַאר דִי הִסְתַּלְקוּת הָאט רֶבִּי נָתָן מִיטְגֶענוּמֶען רֶבִּי נַחְמָן צוּ אַלֶע נְסִיעוֹת, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דָא וַוייז אִיךְ דִיר דֶעם וֶועג, אִיבֶּער אַ יָאר וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין וִויסְן". נָאכְן הִסְתַּלְקוּת פוּן רֶבִּי נָתָן אִיז טַאקֶע רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אוֹיךְ גֶעפָארְן צוּ דִי אַלֶע נְסִיעוֹת.



סוֹף יָמָיו פוּן רֶבִּי נָתָן הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִים גֶעפְרֶעגְט: וֶוער וֶועט אַייךְ אִיבֶּערְנֶעמֶען? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער וָואס טְרָאגְט אַרוֹיס בַּיי מִיר דִי פֶּעמִינִיצֶעס (דִי מִיסְט)". אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, אַז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער וָואס הָאט בַּאדִינְט רֶבִּי נָתָן בַּיים לֶעבְּן אוּן זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֶערִיקְט פוּן אִים, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעפִירְט נָאךְ רֶבִּי נָתָן.

עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט אוּמַאן הַארְט נֶעבְּן קְלוֹיז, אוּן גֶעוֶוען דָארְט דִי גַבְּאַי אוּן חַזָּן, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי נֵר תָּמִיד וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְט בַּיים צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

(ספר אילן החיים סימן קלז -קלט)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- נ"ז -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קוּמְט צוּרִיק פוּן דִי רֵייזֶע קַיין קַאמִינִיץ. אוּן גְרֵייט זִיךְ צוּ פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. **מיר וועלן נישט יעצט אראפברענגען די גאנצע השתלשלות פונעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל, צוליב דעם וואס עס איז שוין געווען באשריבן אינעם בלעטל א צייט צוריק, מיר וועלן יעצט ווייטער שרייבן פון נאך די נסיעה קיין ארץ ישראל.**

* * *

נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער נָאכְן צוּרִיק קוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, הָאט דֶער רֶבִּי אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן מִיט זַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער אָדְל, מִיט רֶבִּי יוֹסְקֶע, אַ זוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מְחְמֶעלְנִיק זי"ע, אַ תַּלְמִיד פוּן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע.

**שְׁנַת תק"ס:** דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, בִּיז עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר הָאט גֶעזֶען, אוּן הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען וואוּ עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען, אַז עֶר דַארְף זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן צוּם שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע.



אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אִין דֶעם יָאר תק"ס, וִוי אוֹיךְ אַלֶע תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט יֶענֶעם יָאר, אִיז אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט פַארְשְׁרִיבְּן, דֶערִיבֶּער וֵוייסְן מִיר גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם יָאר.

נָאר אֵיין זַאךְ אַז אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן יָאר תק"ס אִיז דֶער מַגִּיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אַ שַׁבָּת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק **"זֶה דּוֹר דֹּרְשָׁיו"** (תְּהִלִּים כד, ו), אַז לוֹיט וִוי דֶער דוֹר אִיז, אַזוֹי זֶענֶען דִי דוֹרְשִׁים פוּנֶעם דוֹר, מִיר הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דִי תּוֹרָה זָאל וֶוערְן פַארְצֵייכְנְט. דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעזָאגְט צוּם מַגִּיד, "לְמָשָׁל אִיר זֶענְט דֶער דוֹר, אוּן אִיךְ בִּין אֵייעֶר דוֹרֵשׁ".

אִין יֶענֶעם יָאר הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן הרה"ק מִקַּאלִיסְק זי"ע, אוּן דָאס אִיז דֶער בְּרִיוו: שָׁלוֹם וְיֶשַׁע רַב לִדְבִתְוָונָא דְלִבָּאִי יָתִיב, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, קָדוֹשׁ יֵאָמֵר לוֹ, אִתּוֹ חָכְמָה וְדַעַת הַשְּׂכֵל, כְּבוֹד קְדֻשַּׁת שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב רֶבִּי נַחְמָן, מִגֶּזַע הַקֹּדֶשׁ נֶכֶד הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זַ"ל, יָגֵן עָלֵינוּ, לָנֶצַח יָאִיר. אוֹר ה' עָלָיו יִזְרַח וּלְכָל בְּנֵי בֵיתוֹ וְהַנִּלְוִים אֵלָיו, שָׁלוֹם רַב אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

אִיךְ וִויל אַייךְ לָאזְן וִויסְן דִי נַייעֶס פוּן דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז אוּנְזֶער שָׁלִיחַ פוּן דָאס יָאר פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם חוֹדֶשׁ שְׁבַט, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, אוּן מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן אַ גְרוּס פוּן אַייךְ, אַז אִיר זֶענְט אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם.

מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז דִי לִיבְשַׁאפְט צְוִוישְׁן אוּנְז הַאלְט וַוייטֶער אָן, אִיר פְּרוּבִּירְט אוּנְז צוּ הֶעלְפְן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, אִיר זֶענְט אַלֵיין גֶעפָארְן צוּם לַאנְד רֵייסְן פַאר אוּנְזֶער וֶועגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אֵייבִּיג זַיין מִיט אַייךְ.

נָאכְדֶעם וָואס אִיר זֶענְט אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן אוּנְז, הָאט אִיר שׁוֹין זִיכֶער גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶער שָׁלִיחַ פוּן פַארְיָאר, מוֹרֵנוּ הָרַב ר' אֱלִיעֶזֶר, אַלֶעס וָואס אִיז דָא אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, אוּן אִיבֶּער דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ דוּרְכְגֶעקוּמֶען מִיט דִי אִידְן וָואס קוּמֶען פוּן וָואהלִין, מִיר הָאבְּן אָבֶּער דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶעמָאנְט פוּן זֵיי קַיין אֵיין פְּרוּטָה, אוּן מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי דִי זַאךְ וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזְן.

מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן צַער אוּן דַאֲגוֹת אִיבֶּערְ'ן מַצָּב, מִיר הָאפְן אוּן וַוארְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן, וַוייל אוּנְזֶער יְשׁוּעָה אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען פוּן קַיין שׁוּם פְּלַאץ, אוֹיךְ פוּן לַאנְד רֵייסְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין שׁוּם יְדִיעָה וָואס טוּט זִיךְ דָארְט אִין דֶעם עִנְיָן.

נָאכְדֶעם וָואס אִיר פָּארְט אַהִין, אוּן דֶערְצֵיילְט זֵיי אִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס מִיר זֶענֶען דוּרְךְ, הָאפְן מִיר אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז דֶערְצֵיילְן פּוּנְקְטְלִיךְ אַלֶעס וָואס אִיר הָאט דָארְט גֶעטוּן.

אִיר דַארְפְט וִויסְן אִיבֶּער דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג פַארְ'ן שַׂ"ה, אַלֶעס וָואס מִיר בַּאצָאלְן, אוּן סְ'אִיז מַמָּשׁ שְׁוֶוער אוֹיסְצוּהַאלְטְן פוּן דָאס אַלֶעס וָואס מְ'פַּייניגְט אוּנְז אוּן מְ'מָאנְט פוּן אוּנְז כְּסֵדֶר מִיט גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן אִיבֶּערְשְׁרֶעק. עֶס אִיז מַמָּשׁ נִיסִּים וְנִפְלָאוֹת בִּיז מִיר טְרֶעפְן יֶעדֶעס מָאל נָאר דִי וִויכְטִיגְסְטֶע וָואס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אָן דֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אוּנְז צוּ דִי קְרִיטִישֶׁע גֶעבְּרוֹיכְן.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז בְּהֶסְתֵּר פָּנִים, אִיךְ וַוארְט אוֹיף אִים אוּן אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה, אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיף אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן אוּנְז דֶערְפְרֵייעֶן, אַזוֹי וִוי דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג זָאל שׁוֹין קוּמֶען פְרֵיילִיכֶע טֶעג.

פוּן דָא אוּן וַוייטֶער אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיטְ'ן כְּתַב יַד קָדְשׁוֹ פוּן הרה"ק מִקַּאלִיסְק זי"ע, "אֲנִי בְּעֹז אַהֲבָתִי אַהֲבַת תָּמִיד, תְּהִלָּתוֹ בְּפִי בְּעִטּוּר וְעִטּוּף נַפְשִׁי לַהּ, יָאִיר ה' פָּנָיו אִתּוֹ מֵאַתַר בֵּית שְׁכִינְתֵּיהּ, וְנָהִיר עֲלוֹהִי הוֹלֵךְ וְאוֹר בְּהִלּוֹ נֵרוֹ עֲלֵי רֹאשׁוֹ אוֹר עוֹלָם, וְיֶחֱזַק בְּמָעֻזּוֹ עֹז מֵה', סוֹף מַעֲשֶׂה בְּמַחְשָׁבָה תְּחִלָּה, וְנַפְשִׁי יוֹדַעַת מְאֹד בִּרְחִימוּ לָנֶצַח, וְדוֹרֵשׁ שְׁלוֹם תּוֹרָתוֹ וּמַעְתִּיר בַּעֲדוֹ, כְּמוֹ כֵן יַעֲשֶׂה גַם הוּא לְהַעְתִּיר בַּעֲבוּרִי בְּכָל עֵת". דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרוֹיס זַיין לִיבְשַׁאפְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וִוי עֶר בֶּעט כְּסֵדֶר פַארְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן גְלַייכְצֵייטִיג בֶּעט עֶר דֶעם רֶבִּי'ן מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין אוֹיךְ פַאר אִים.

נְאוּם הַקָּטָן אַבְרָהָם בֶּן אֲדוֹנִי אָבִי מוֹרֵנוּ הָרַב אַלֶכְּסַנְדֶר כַּ"ץ זִכְרוֹ לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. נֶכְדִּי הָאַבְרֵךְ מוֹרֵנוּ הָרַב יִשְׂרָאֵל אֱלִיעֶזֶר שֶׁיִּחְיֶה דוֹרֵשׁ שְׁלוֹמוֹ מִלֵּב וָנֶפֶשׁ וּמִתְאַוֶּה לִתְפִלָּתוֹ.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**



# גיי טענה דיך מיט
# אן אייזל

ישראל דוד העסקעל

ס'איז זונטאג חול המועד חנוכה 12 אזייגער עפעס שפירן האבן די יוונים נאך איבערגעלאזט ביז אונזערע צייטן ס'נישט דא קיין חדר ווייל ס'איז חנוכה!

אין מיין קאפ גראדע שטימט עס נישט, אין חנוכה זאל מען מבטל זיין חדר? תלמוד תורה פון תינוקות של בית רבן דאס איז דאך געווען די גאנצע גזירה פון די יוונים, צומאכן אלע חדרים און אויפהערן לערנען מיט די קינדערלעך די תורה הקדושה, אבער למעשה שטעלט ארויס אז קיינער האט מיך נישט געפרעגט...

איך פיר נישט די מוסד, אז אזוי טוען די מנהלים ווייסן זיי מן הסתם וואס זיי טוען. יעצט זיין איך זונטאג צוועלף אזייגער מיט מיינע קינדער אינדערהיים און איך ברויך זיי אינטערהאלטן...

מ'האט שוין געדאווענט, געגעסן, געשפילט. שכח אייבערשטער פאר מיינע געזונטע קינדער, מ'האט זיך שוין פעסט צעאמפערט, ס'איז שוין געווען קולות און דערנאך האט מען שוין



געזונגען ריגילע רוגז... און יעצט האלט מען ביים פונקט פון אדער טו עפעס שנעל, ווייל אויב נישט....

איך ווייס נישט פארוואס אזאנס איז מיר איינגעפאלן אינעם פראסטיגן קאלטן סוף כסליו זונטאג חנוכה אבער פאר עפעס א סיבה האב איך א פרעג געטאן מיט גרויס עקסטאז: "קינדערלעך, ווער וויל גיין צו די סאפארי זען חיות?"

זאגענדיג די ווערטער האבן עס מיינע אויערן דערהערט און גאר שנעל חרטה געהאט אויף דעם ווילדן פראגע אבער די קינדער טאנצן שוין יא יא סאפארי! חיות! ס'דא לייבן! מ'קען געבן באנאנעס פאר די מאנקיס! אפשר איז אויך דא דארט ריידס? ס'איז לוסטיג און לעבעדיג אזש צוריק ציען איז שוין נישט קיין אפציע...



מ'פאקט זיך שנעל איין וואס מ'וועט דארפן פאר די נעקסטע פאר שעה, אביסל עסן, טישוס, איבריגע ברויט פאר די חיה'לעך, מיט עטליכע פלעשער טרינקען יעדער טוט זיך אן גוט ווארעם און מ'לאזט זיך ארויס צום גרויסן סאפארי.

נאכן פארן א דריי פערטל שעה זענען אנגעקומען, ב"ה מ'לאזט אונז אריין און מיר הייבן אן ארומפארן אינעם גרויסן סאפארי, מיר זעהן אלע חיות און בהמות ס'איז זייער שיין, געוואלדיגע נפלאות הבורא.

פון איין ארט אבער הערט זיך ארויס קולות וברקים, מיינע קינדער בעטן שיין אז מ'זאל אהינגיין מ'דארף עס אויסטשעקן זעהן וואס דארט גייט פאר.

איך פרוביר נאכצופארן די קולות, איך פאר אריין אין עפעס א געדרייטע זייטיגע וועג און מיר ווערן נענטער אט קענען מיר שוין זעהן און מיטהאלטן וואס דארט גייט פאר.

א קאמישע סצענע, דער אייזל שרייט מיט קולות אזש ער ווערט ממש הייזעריג: "ניין! ס'איז בלוי דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט, קוק ס'איז קלאר בלוי, ס'איז אייביג געווען בלוי און אייביג וועט עס זיין בלוי!"

"איך קען דיר שוין פון יארן דו ווילסט מיך סתם פארפירן און דרייען א קאפ" - שרייט דער אייזל אויפן פוקס - "די גראז איז בלוי! ס'איז קלאר בלוי פארוואס מוזטו מיך אויפרעגן און זאגן אנדערש?"

דער פוקס קוקט אים אן און זאגט מיט א רואיגע טאן: "איך הער וואס דו זאגסט, אבער וויסן זאלסטו אז די גראז איז גרין און נישט נאר אונזער גראז דא, נאר אלע גראז אין די גאנצע וועלט איז גרין, אזוי קומט גראז - גרין!"

איך מיין גארנישט דיך אויפצורעגן איך האב באמת גארנישט אקעגן דיר פארקערט איך וויל זאלסט וויסן דעם אמת און פון יעצט זאלסטו קענען לעבן מיט די אמת! ד-י ג-ר-א-ז א-י-ז ג-ר-י-ן!!! געענדיגט דאס איז עס, אזוי איז עס!

הער שוין אויף מיט דיינע שטותים, שרייט דער אייזל א נערוועזער! די גראז איז בלוי און דאס איז א פאקט, פארוואס מוזטו קומען דא און מיך אויפרעגן? וואס האסטו פון דעם? קוק ס'איז בלוי, גראז איז בלוי! מיינסט איך בין נעכטן געבוירן? ביי אונז אין די משפחה האבן מיר שוין יארן די מסורה אז גראז איז בלוי וואס קומסטו פארדרייען א קאפ מיט דיינע נייע זאכן??





איך טרייב נישט קיין שפאס פון דיר, פארענטפערט זיך דער פוקס איך מיין עס באמת, איר לעבט אין א טעות די גראז איז גרין! איך זאג דיר! איך מיין נאר דיין טובה איך וויל זאלסט וויסן דעם אמת.

איך קען שוין נישט מער מיט דיר הייבט די אייזל אן צו שרייען, דו ווייסט וואס, קום פאר א משפט ביים קעניג דער לייב, איך קען שוין נישט דערהייבן, דו דרייסט מיר א קאפ!

פיין, זאגט דער פוקס, לאמיר טאקע גיין פאר א משפט צום לייב און לאמיר הערן וואס דער קעניג וועט זאגן.

איך פאר זיי נאך שטילערהייט, די גאנצע משפחה זיצט מיט אפענע מיילער, יעדער וויל שוין זעהן וואס דא וועט זיך אויסקאכן פון דער גאנצע סומאטוכע.

נאך עטליכע מינוט פארן קומען מיר ענדליך אן צום גרויסן קעניגליכן פעסטונג פונעם לייב און מיר שפיצן זיך אן די אויערן צו קענען מיטהאלטן וואס דא וועט זיך אויסלאזן.

דער לייב זעצט זיי ביידע אוועק און זאגט פארן אייזל לאמיר הערן דיינע טענות וואס קוועטשט דיר?

דער אייזל זאגט פארן לייב, אדוני המלך הער לייב איך האב אלץ געוואוסט אז די גראז איז בלוי און דער פוקס קומט הייבט מיך אן דרייען א קאפ אז די גראז איז באמת גרין איך האב נישט קיין כח צו אים, אפשר קען דער לייב זאגן ווער איז גערעכט?

פרעגט דער לייב פארן אייזל, דו גלייבסט באמת אז די גראז איז בלוי?

זאגט דער אייזל יא! איך גלייב באמת אזוי!

אויב אזוי געב איך דיך רעכט זאגט דער לייב פארן אייזל!

אויב אזוי זאגט דער אייזל אפשר קען דער קעניג געבן עפעס א געזונטע עונש דער פוקס וואס לאזט מיך נישט צורוה און יעדן טאג קומט ער מיר דרייען א קאפ און טענה'ן מיט מיר?

זיכער שרייט דער לייב - דו פוקס געב איך אן עונש אז פאר פינף יאר טארסטו נישט עפענען דיין מויל דו טארסט גארנישט רעדן פאר פינף יאר!

מיט גרויס יראת הכבוד נעמט דער פוקס אן דעם פסק פונעם לייב ער בעט אבער ביים לייב אפשר קען ער פרעגן נאר איין קשיא פאר ער מאכט צו דאס מויל פאר פינף יאר?

יא זיכער פרעג, זאגט דער לייב.

דער פוקס גייט צו שטילערהייט און פרעגט פארן לייב: צווישן מיר און דיר ווייסטו דאך גאנץ גוט אז איך בין גערעכט און די גראז איז דאך באמת גרין אויב אזוי פארוואס האט מיך דער קעניג געגעבן אזא שטארקע עונש?





אמת ענטפערט די לייב זיכער ביסטו גערעכט און די גראז איז גרין אבער דער עונש האסטו נישט באקומען ווייל דער אייזל איז געווען גערעכט, דער עונש האב איך דיר געגעבן פאר די נארישקייט פון אנבערענגען די צייט זיך טענהן מיט אן אייזל און דערנאך נאך מיר קומען שטערן וועגן דעם! פארדעם קומט דיר אזא הארבע עונש...

דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס טענה נישט מיט קיין מענטשן ער איז גאנץ ווייניג אינטערעסירט ווי גערעכט דו ביסט, ווער ס'וויל וויסן דעם אמת וועט אליינס קומען דערצו אבער פון טענהן מיט מענטשן וועט גארנישט ארויסקומען! דו וועסט מילא נישט געוואונען אפילו ביסט גערעכט!

ענדרש געב אים א קונטרס א ספר מיט דעם קען מען נישט טעהנן מיט דעם דארף מען נישט טעהנן די ספרים פון צדיקים וועלן שוין טון די גאנצע ארבעט וואס דו ווילסט טון מיט זיך טענהן און אויפווייזן עפעס וואס ער ווייסט אויך גוט גוט טיף אין הארץ אז דו ביזט גערעכט...

עס איז א שאד די שפייעכטס, וואלסט דאך געקענט אין די צייט אריינכאפן א פסוק חומש, א פרק משניות, א בלאט גמרא, א ווארט רעדן צום אייבערשטן, אהיימגיין און שמועסן מיט די ווייב און די קינדער וואס ווארטן שוין אזוי לאנג זאלסט אהיימקומען און פארברענגען מיט זיי.

זע נישט אויסצוקוקן ווי דער פוקס וואס טענה'ט זיך מיטן אייזל און באקומט נאכדעם א עונש פארן זיך טענה'ן מיטן אייזל.

מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

# פרנס החודש

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו

מו"ה אברהם פרידריך הי"ו

מו"ה אהרן שלמה שווארץ הי"ו

וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש

## חודש כסלו

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבין'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

פרנסי השנה

מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו

מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

• יוסף מ. •



# כי נר מצוה ותורה אור

בס"ד

אוי חנוכה! אוי חנוכה! א יו"ט א שיינע,
הערט זיך פון די זיסע קינדערלעך מיינע.

יא, די הייליגע חנוכה טעג,
א ליכטיגקייט אינמיטן די גייעג.

אבער פאר מיר עס טוט אסאך מער מיינען,
אין מיין שטוב עס טוט א גאנץ יאר שיינען.

סיומים טאג איין טאג אויס,
א קול תורה א ליכטיגקייט אין מיין הויז.

א משנה, א פרק, און א מסכתא,
טאקע דורך דעם דרך הלימוד 'די עכטע'.

איך קען נישט ענדיגן צו דאנקן,
אויף אזעלכע טייערע געשאנקן.

זאגן ועל הניסים מיט אן אנדערן דעריהער,
לויבן אויף אלע גרויסע חסדים ביז אהער.

בעטן בימים ההם, אזוי ווי דו האסט אונז געהאלפן אמאל,
בזמן הזה, אייבערשטער העלף גאנץ כלל ישראל.

די שיינע זיסע תורה וועג, זאל באלייכטן די גאנצע וועלט,
עס זאל אויפשיינען אין א יעדע אידישע געצעלט!



Got tennents not paying rent?
GET OUT
Servicing the Catskills region
Fast and Efficient Evictions
Legal Expertise for Smooth Transitions
Tailored Solutions for Every Situation
Stress-Free Tenant Troubles Resolution
KB Realty Consulting
THE KEY TO YOUR HOME
Clear the path for property prosperity. We don't just evict; we pave the way for a new era of success.
Leiby Roth
845.866.9365
kbrealtyconsulting@gmail.com

# נקודות טובות

## געהערט פון אנשי שלומינו

### בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

לכבוד די חשוב'ע מערכת קרית ברסלב בלעטל, יישר כח פאר די הערליכע בלעטל יעדע וואך, עס איז ממש א תענוג צו ליינען, כה יוסיף ה' ווייטער און ווייטער.

***

אזוי ווי מיר גייען שוין אריין אין די הייליגע חנוכה טעג, און זאת חנוכה איז דאך דער גמר החתימה פון די הייליגע טעג כידוע מספרים הקדושים, האב איך געטראכט אז אפשר איז יעצט א פאסיגע צייט צו משלים זיין אביסל קרישקעלעך און אנעקדאטן וואס מיר האבן מיטגעלעבט במחיצת דער ראש ישיבה שליט"א דורכאויס הושענא רבה, שמיני עצרת און שמחת תורה.

נאך קריאת משנה תורה דורכן געשמאקן בעל קורא מומחה הבחור אשר ראנד נ"ו איז דער ראש ישיבה שליט"א אראפגעגאנגען אין די סוכה זיך וואשן צו א סעודה, דער ראש ישיבה האט זייער שיין ארומגערעדט וועגן זאגן א טרוקענע געבעט, א טרוקענע ווארט צום אייבערשטן, ווי חשוב דאס איז.

דערנאך איז דער ראש ישיבה ארויפגעקומען אין בית המדרש צו אויסזאגן ספר תהילים, (דער ראש ישיבה האט געשריבן אין די בריוון פאר סוכות אז אויב מ'קען זאל מען אויסזאגן תהילים הושענא רבה ביינאכט), דער ראש ישיבה האט קודם זיכער געמאכט אז עס איז דא מנין, דער ראש ישיבה האט צוגעשיקט דעם אדמיניסטראטאר מו"ה רפאל פורסט הי"ו צום עמוד, מ'האט אנגעהויבן תהילים מיט א געשמאק, און דער ראש ישיבה האט געזאגט די ספעציעלע "יהי רצון" נאך יעדע ספר.

איך האב זיך ביי מיר אנגעצייכנט עטליכע פסוקים וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אביסל העכער, אדער מיט א געבעט אדער הודאה, וואס האט ווי אפגעטייטשט דעם פסוק. (דער הייליגער רבי זאגט [ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן מב; סימן קפו; חיי מוהר"ן סימן תקמד] אז מען דארף זיך גוט צו הערן צו יעדע ווארט פונעם צדיק, און זיך גוט צוקוקן צו יעדע ריר פונעם צדיק, אפילו מ'פארשטייט נאכנישט אלעס פינקטליך, עיי"ש, אבער עכ"פ, וואס מיר קענען ארויסנעמען בדרך אפשר צו באקומען א התחזקות און התעוררות אין זאגן תהילים).

צווישן אנדערע, ביי קאפיטל יח, האט דער ראש ישיבה מדגיש געווען דעם צווייטן פסוק, די ווערטער: "וַיֹּאמַר אֶרְחָמְךָ ה' חִזְקִי". איך האב זיך דערמאנט פון א בריוו וואס דער ראש ישיבה האט געשריבן צווישן יום כיפור און סוכות (עצתו אמונה קונטרס 318): **בזה העולם דארף מען זיך זייער שטארקן, ווי אזוי שטארקט מען זיך? דוד המלך זאגט (תהילים יח, ב): "אֶרְחָמְךָ ה' חִזְקִי", מוהרא"ש אינעם פירוש תהילות נתן זאגט, דוד המלך זאגט: "אֶרְחָמְךָ ה'", מיט דעם וואס איך ווייס אז דער אייבערשטער איז פול מיט רחמנות, ער האט רחמנות אויף אלעמען, "חִזְקִי", דאס אליינס איז מיין גאנצע שטארקקייט; דאס איז מיין גאנצע התחזקות, איך ווייס אז אלעס וואס גייט אריבער אויף מיר איז פונעם אייבערשטנ'ס רחמנות, ע"כ.**

ביי קאפיטל לה, האט דער ראש ישיבה געזאגט מיט גרויס בענקשאפט די ווערטער פון פסוק ג: "אֱמֹר לְנַפְשִׁי יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי". מיר טרעפן א בריוו אין עצתו אמונה (קונטרס עצתו אמונה פרשת ואתחנן, תש"פ) וואס רעדט זיך פון דעם פסוק, דער ראש ישיבה שרייבט:

**מוהרא"ש דערציילט אז מען פלעגט הערן ברסלב'ער חסידים זאגן תהילים מיט א געשמאק, זיי פלעגן רעדן צום אייבערשטן אויסגעמישט מיט די פסוקי תהילים; איינמאל האט מען געהערט רבי נתן'ס אן אייניקל רבי מיכל'ע, ווי ער זאגט תהילים (קאפיטל לה, א): "לְדָוִד רִיבָה ה' אֶת יְרִיבַי", האט מען געהערט ווי ער רעדט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם קריג זיך פאר מיר, נעם זיך אן פאר מיר, 'אֱמֹר לְנַפְשִׁי יְשֻׁעָתֵךְ אָנִי', זאג מיר אייבערשטער אז דו האסט מיר ליב, איך בין אזוי צעבראכן, איך דארף אביסל ווארעמקייט, אביסעלע ליבשאפט פון דיר", ע"כ.**

בײ קאפיטל לז, פסוק י: "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", האט דער ראש ישיבה מדגיש געווען; דער פסוק אויף וואס תורה רפ"ב אין ליקוטי מוהר"ן איז געבויעט.

בײ קאפיטל ל, דעם ערשטן פסוק, האט דער ראש ישיבה געזאגט שטײט די ווערטער: "אֵ-ל אֱלֹקִים", ס'האט מיר אויסגעזען ווי דער ראש ישיבה האט אינזין די אותיות וואס תלמידי היכל הקודש האבן אינזין בײם זאגן תיקון הכללי, בײ קאפיטל ע"ז, די מילוי **אל"ף למ"ד, אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם.**

(בעצם האט דער ראש ישיבה שוין אפאר מאל אויסגעשמועסט דעם ענין פון אינזין האבן דעם מילוי בשעת'ן זאגן תיקון הכללי. אז דער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן רה: "יֵשׁ כֹּחַ בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים לְהוֹצִיא הַטִּפָּה מֵהַקְּלִפָּה שֶׁלָּקְחָה אוֹתָהּ, כִּי תְהִלִּים בְּגִימַטְרִיָּא לִילִי"ת עִם הֶחָמֵשׁ אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ, שֶׁהִיא הַמְּמֻנָּה עַל זֶה, כַּיָּדוּעַ. וְצָרִיךְ לְכַוֵּן בִּשְׁעַת אֲמִירַת תְּהִלִּים, שֶׁתְּהִלִּים בְּגִימַטְרִיָּא תפ"ה, שֶׁהוּא מְכֻוָּן כְּמִסְפַּר הַשְּׁנֵי שֵׁמוֹת: אֵ-ל אֱלֹקִים בְּמִלּוּאוֹ, כָּזֶה: אָלֶף לָמֶד, אָלֶף לָמֶד הֵי יוּד מֵם, שֶׁעַל-יְדֵי הַשְּׁנֵי שֵׁמוֹת אֵלּוּ יוֹצְאָה הַטִּפָּה מֵהַקְּלִפָּה, וכו', וְעַל יְדֵי הַשְּׁנֵי שֵׁמוֹת אֵל אֱלֹקִים הַנַּ"ל, שֶׁהֵם בְּחִינַת חֶסֶד וּגְבוּרָה, כַּיָּדוּעַ, שֶׁהֵם גִּימַטְרִיָּא תְּהִלִּים כַּנַּ"ל, עַל-יְדֵי-זֶה מוֹצִיאִין הַטִּפָּה מִשָּׁם, וְזֶה צָרִיךְ לְכַוֵּן בִּשְׁעַת אֲמִירַת תְּהִלִּים"; היות עס איז שווער פאר מענטשן צו אינזין האבן דעם שם בשעת מ'זאגט תיקון הכללי, האט מוהרא"ש אוועקגעשטעלט און מפרסם געווען דעם פראקטישן עצה דאס אינזין צו האבן לכל הפחות איינמאל דורכאויס תיקון הכללי, און אזוי מקיים זײן דעם דיבור פון רבי'ן. אבער ליידער האבן די בעלי מחלוקת פארפירט אויף דעם (עיין אשר בנחל חלק יג, מכתב א' תשלו), און למעשה איז דער מילוי נאר געדרוקט אין די תיקון הכללי'ס פון דפוס היכל הקודש, האט דער ראש ישיבה געזאגט, אז דעריבער זאל מען זען צו זאגן תיקון הכללי אין א דפוס פון היכל הקודש, ווי אויך אין די תיקון הכללי דפוס אודסר ווערט דערמאנט אין די הקדמה די ווערטער פון רבי'ן וועגן די מילוי, קען מען זאגן תיקון הכללי אויך אין זײער דפוס און ווען מ'האלט בײ קאפיטל עז, אויפמישן צו די הקדמה, און טראכטן די מילוי, ע"כ.

למעשה איז דא די צירוף פון די שמות "אֵ-ל אֱלֹקִים" פינף מאל אין ספר תהילים, אין קאפיטל נ, פסוק א; קאפיטל נה, פסוק יז; קאפיטל סב, פסוק ב; קאפיטל עז, פסוק ב (א קאפיטל פון תיקון הכללי); און אין קאפיטל פד, פסוק ח.

איז אפשר יתכן צו ברענגען אלס מעשה רב, אז ווען מ'זאגט אויס גאנץ תהילים האט מען דאס אינזין בײ די ערשטע מאל און ווען עס ווערט דערמאנט, מ'דארף עס נישט אינזין האבן דווקא בײ קאפיטל ע"ז.

אזוי אויך טרעפן מיר אין עצתו אמונה ווי דער ראש ישיבה שרייבט איבער די ווערטער: "אֵ-ל אֱלֹקִים ה'" פון דעם אויבנדערמאנטן קאפיטל נ, דאס איז אין קונטרס עצתו אמונה 286, ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט: **מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיךְ גֶערוּפְן אִין אוּמַאן אַ נַאכְט פַאר זְכוֹר בְּרִית און גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מִיר בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן דִי צְווייטֶע חֵלֶק סִימָן ב', אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶסְן זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ: "קוּק אַרַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן", מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מִיר אִיךְ זָאל זָאגְן וואוּ עֶר טַייטְלְט מִיטְן פִינְגֶער, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: "וְהָאֱמֶת מֵאִיר בְּרִבּוּעַ הַדִּבּוּר הַנַּ"ל עַל יְדֵי שְׁלֹשָׁה שֵׁמוֹת הַנַּ"ל שֶׁהֵם קֵל, אֱלֹקִים, ה', שֶׁהֵם בְּחִינַת תְּפִלָּה, וְתוֹרָה, וְשִׁדּוּכִים וְזִוּוּגִים", און מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט מִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין: "זֶעסְט וָואס שְׁטֵייט דָא? דֶער רֶבִּי זָאגְט, נָאר דִי דְרֵיי זַאכְן אִיז גֶערֶעדְט; יֶעדֶע מָאל דוּ רֶעדְסְט - זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן: פוּן תּוֹרָה, פוּן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; זַיי מְחַזֵּק דִי בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶועג, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. רֶעד פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; זַיי מְחַזֵּק דִי צוּהֶערֶער זָאלְן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דְרִיטְנְס, רֶעד פוּן שִׁידּוּכִים און שָׁלוֹם בַּיִת; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, אַז מֶען אִיז דִיךְ מְכַבֵּד צוּ רֶעדְן - זָאלְסְטוּ רֶעדְן נָאר פוּן חִיזּוּק אוֹיף דִי דְרֵיי נְקוּדוֹת, ע"כ.**

בײ קאפיטל סו, בײם אויסלאזן די קאפיטל האט דער ראש ישיבה זיך אונטערגעזינגען דעם באקאנטן ניגון אויף די ווערטער: "אָכֵן שָׁמַע אֱלֹקִים הִקְשִׁיב בְּקוֹל תְּפִלָּתִי, בָּרוּךְ אֱלֹקִים אֲשֶׁר לֹא הֵסִיר תְּפִלָּתִי וְחַסְדּוֹ מֵאִתִּי".

בײ קאפיטל סח, האט דער ראש ישיבה מדגיש געווען די ווערטער פון פסוק כ: "בָּרוּךְ אֲדֹנָי יוֹם יוֹם".

בײ קאפיטל עא האב איך צוגעצייכנט פסוק ז: "כְּמוֹפֵת הָיִיתִי לְרַבִּים וְאַתָּה מַחֲסִי עֹז", איך געדענק נישט אויב דער ראש ישיבה האט דאס פשוט געזאגט מיט א העכערע טאן, אדער זיך אונטערגעזינגען דעם חב"ד'סקער ניגון אויף די ווערטער.

עכ"פ, מיט עטליכע יאר צוריק, שמחת בית השואבה אין שטעטל, האט דער ראש ישיבה געטאנצן אויף דעם ניגון גאר א לאנגע צייט, און גלייכצייטיג צוגעוויזן פאר עטליכע פון אנשי שלומינו וואס רש"י זאגט דארט אויפן פלאץ, עיי"ש.

בײ קאפיטל עג, האט דער ראש ישיבה מדגיש געווען די ווערטער פון פסוק כה: "מִי לִי בַשָּׁמָיִם וְעִמְּךָ לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", און מיר טרעפן ווי דער ראש ישיבה שרייבט אויף די ווערטער:

**מוהרא"ש פלעגט דערציילן פונעם הייליגן בעל התניא זכותו יגן עלינו, אז מען פלעגט הערן ווי ער זאגט תהילים**

**מיט א זיסקייט און דביקות, איינמאל האט מען געהערט ווי דער הייליגער צדיק זינגט דעם פסוק (תהלים עג, כה): "מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", און ער זאגט צום אייבערשטן: "מִי לִי בַשָּׁמָיִם", טאטע זיסער וועם האב איך אין הימל? - אלע זענען אנטקעגן מיר, "וְעִמְּךָ", אבער מיט דיר הייליגער באשעפער, אז איך האב דיר, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", דארף איך שוין נישט קיינעם; ער האט געזינגען מיט א בענקשאפט: "רבונו של עולם, איך דארף נישט דיין עולם הזה, איך דארף נישט דיין עולם הבא, איך דארף נישט קיינעם - נאר דיר הייליגער באשעפער אליין".**

המשך יבוא בעז"ה.

*

נאך תהילים האט דער ראש ישיבה שליט"א געשמועסט מיט אנשי שלומינו פאר בערך א שעה, צווישן אנדערע האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון אנשי שלומינו אויב מ'האט זיך פארגענומען א קבלה טובה אויף די נייע יאר, "אבער נישט סתם א קבלה צו זיין ערליך, נאר א קבלה וואס וועט דיך רירן פון דיין יעצטיגע מצב..." - האט דער ראש ישיבה געזאגט.

דער ראש ישיבה האט זייער ארויסגעהויבן א קבלה פון איינער פון אנשי שלומינו, א פארנומענער ביזנעסמאן, אז ער וועט נישט אהיימברענגען זיין פאון, און וואונדער איבער וואונדער, ער האט דערציילט פאר דער ראש ישיבה ווי אנדערש זיין לעבן איז געווארן; ער האט אזויפיל צייט פאר זיין ווייב און קינדער, ממש א נייע לעבן וכו', דער ראש ישיבה האט געזאגט: "דאס הייסט א קבלה".

*

דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט צי מ'רעדט נאך אין שטעטל פון דער ראש ישיבה, פון רבי'ן, אדער מ'רעדט שוין פון געלט וכו'? ביי א אנדערע געלעגנהייט, הושענא רבה אינדערפרי, האט מיך דער ראש ישיבה דאס געפרעגט פריוואט, און מיר געזאגט: "רעד מיט די וואס זייער הארץ קלאפט נאך..."

*

שמיני עצרת אינדערפרי ביי די קידוש האט דער ראש ישיבה שליט"א - צווישן אנדערע - גערעדט פון די נושא פון באדזשעטינג, דער ראש ישיבה האט דערמאנט א קאמפיין אין וויליאמסבורג וואס האט געלאזט באקלעבן גאנץ וויליאמסבורג מיט פלאקאטן: "אכציג פראצענט וויליאמסבורג דעקט זיך נישט", און דער ראש ישיבה האט באריכות אויסגעשמועסט וויפיל חובות מען ברענגט זיך אן דורך שפענדן געלט וואס מען האט נישט, פאר איבריגע זאכן און נארישקייטן. דער ראש ישיבה האט ארויסגעברענגט אז זיין גראסערי ביל איז יעדע וואך די זעלבע, עס האט נישט צוטון וויפיל געלט ער האט יעצט צו שפענדן אין גראסערי, צום ביישפיל אויב האט ער יעצט פינף הונדערט דאלער וועט ער איינקויפן פאר פינף הונדערט דאלער און אויב האט ער זיבן הונדערט פופציג וועט ער איינקויפן פאר זיבן הונדערט פופציג; ניין, ער קויפט איין וואס ער דארף איינקויפן, ער פרובירט נישט אויס נייע פראדוקטן, נייע נאש וכו'. מ'דארף לעבן לויט די בודזשעט, נישט בארגן מיט קרעדיט קארדס, און אפילו מ'האט געלט דארף מען וויסן וואס מ'קען קויפן און וואס איז סתם בל תשחית און סתם ארויסגעווארפן אידישע געלט אפילו פאר איינער וואס האט דאס געלט דערצו.

דער ראש ישיבה האט אנגעכאפט דאס קויפן טייערע סטרעטשיס פאר בעביס, ווי אבסורד דאס איז, ווי אויך דאס קויפן עכטע בלומען ביי שמחות, וואס דאס איז ריין בל תשחית; ווילסט צאלן פאר א שמחה, פיין, אבער צאלן שווערע געלטער פאר עפעס וואס גייט גיין אין מיסט ביז עטליכע שעה איז בל תשחית.

דער ראש ישיבה האט גערעדט מיט ווייטאג איבער א נייע מאלל וואס גייט זיך עפענען אין וויליאמסבורג, אז דאס גייט הייבן דאס שפענדונג ביי אסאך משפחות, און דאס ברענגט אז אכציג פראצענט וויליאמסבורג זאל זיך נישט קענען דעקן...

לסיכום האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט אז יעדער דארף קוקן אויף זיין בודזשעט, און נישט קויפן ווייל יענער... נישט שפענדן געלט אויף זאכן וואס איז פשוט ארויסגעווארפן געלט, און נישט לעבן אויף קרעדיט קארדס.

*

שמיני עצרת און שמחת תורה איז געווען אויסטערליש פרייליך ברוך ה', שמחת תורה צופרי האט דער ראש ישיבה זייער מזרז געווען אנשי שלומינו צו טאנצן און פאטשן וכו', דער ראש ישיבה האט עטליכע מאל אויסגערופן אז ווער ס'וויל שמועסן קען גיין אין די סוכה וואו עס איז אנגעגרייט א פיינע קידוש, "שטערטס נישט די הקפות", האט דער ראש ישיבה געזאגט.

א נייע זאך די יאר איז געווען אז דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן קינדער וואס האבן געמאכט סיומים, דער אויף משניות, דער אויף גמרא וכו', און זיי געגעבן צו האלטן די הייליגע תורה און דערביי אויסגערופן די סיום וואס זיי האבן געמאכט.

ביי די דריטע הקפה האב מיך דער גבאי מכבד געווען מיט אן הקפה, צו האלטן די תורה, און דער ראש ישיבה האט מיך צוגערופן און געזאגט: "'תפארת', (די דריטע הקפה) - איז עצתו אמונה", אביסל שפעטער ווען די גבאים האבן

איבערגענומען פון מיר די ספר תורה און דאס געגעבן פאר א צווייטן, האט דער ראש ישיבה מיר געגעבן זיין ספר תורה און נאכאמאל געזאגט "'תפארת', (די דריטע הקפה) - איז עצתו אמונה"...

*

עס זענען געווען צוויי יונגע כולל אינגעלייט וואס האט זייער העפטיג געטאנצן און געמאכט זייער לעבעדיג, אויסערגעוועהנליך, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט זייער הנאה דערפון.

***

עס שטייט אין די ספרים הקדושים אז חנוכה ווערט נתגלה די אור הגנוז. דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו צו קהילת היכל הקודש בני ברק, אום חנוכה תשפ"א, ווען זיי האבן געעפנט "בית המדרש היכל הקודש ברסלב בני ברק", בתוך הדברים שרייבט דער ראש ישיבה:

**"מיר קענען זאגן בפה מלא אז חנוכה ווערט נתגלה דעם אור הגנוז; איר האט געעפנט דעם בית המדרש אין חנוכה, מיר האבן זיך אריין געצויגן אין אונזער בנין אין וויליאמסבורג חנוכה, חנוכה האט מוהרא"ש אנגעהויבן שרייבן די הייליגע בריוו "אשר בנחל", וואס דאס האט ליכטיג געמאכט די וועלט; מוהרא"ש האט גענומען דעם אור הגנוז און דאס אנטפלעקט פאר אלעמען, פאר גרויסע און קליינע, אלע זאלן שפירן דעם אייבערשטן, אלע זאלן האבן א וועג צו לערנען די תורה".**

מען זעט אן אינטערעסאנטע זאך, אז ספר עצתו אמונה הייבט זיך אן ביי פרשת בהעלותך, די פרשה פון די מצוה פון צינדן די מנורה (איך האב דאס אמאל געזאגט פאר דער ראש ישיבה שליט"א, ווען מ'האט גערעדט פון דעם אז מוהרא"ש ז"ע האט אנגעהויבן דעם ספר אשר בנחל ערב חנוכה, און דער ראש ישיבה האט צוגעשטימט), ווי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א אנגעהויבן די סעריע "מעשה'לעך פאר קינדערלעך" אום שבת חנוכה תשפ"א.

*

מעניין לעניין שרייבט דער ראש ישיבה אין א בריוו (ספר עצתו אמונה חלק א', מכתב עב): **"דאס איז איינע פון די זאכן וואס מוהרא"ש האט מחדש געווען; ער האט גענומען דעם 'אור הגנוז' דעם באהאלטענע ליכט, און געמאכט אויס 'אור הגנוז', עס איז שוין נישט באהאלטן, עס איז שוין אור הנגלה, אור המאיר, נישט 'אור הגנוז'".**

לעצטנס איז מיר אויסגעקומען זיך אנצוטרעפן אין פארשידענע עובדות ווי עס שרייט זיך ארויס פון הארץ א דאנק און א לויב פאר מוהרא"ש זי"ע און פאר דער ראש ישיבה שליט"א פארן אונז אנטפלעקן דעם אור הגנוז, צום ביישפיל לגבי לימוד התורה, אונז אנטפלעקן אז מיר קענען אויך זוכה זיין לכתרה של תורה.

לעצטנס איז אין ארץ ישראל נפטר געווארן א גרויסער גאון, ר' שלמה אסולין ז"ל. מ'שרייבט אויף אים אז ער איז געווען בקי בכל התורה כולה; תנ"ך, בבלי, ירושלמי, ספרא, ספרי, תורת כהנים, תוספתא, זוהר און אלע ספרי קבלה, און אלע מדרשים וכו'.

צווישן די שורות טרעפן מיר [ליין: תלמידי היכל הקודש] ווי אזוי ער האט זוכה געווען צו דעם, ווי מ'שרייבט אויף אים אז די חברים זיינע פון ישיבה דערציילן אז לערנענדיג אין ישיבה איז ער נישט געווען עפעס א ספעציעלער קאפ, עפעס אן אויסגערופענער גאון, נאר ער האט געלערנט און געלערנט מיט התמדה, האלטנדיג א סטיקער וואס האט זיך כסדר געדרוקט ווייטער און ווייטער, און אזוי איז ער אנגעקומען צו ווי ער איז אנגעקומען.

דער מושג פון לערנען און לערנען, מיט א סטיקער - איז קענטליך פאר תלמידי היכל הקודש...

ווי אויך טרעפן מיר ווי פארשידענע גדולים און צדיקים האבן געלערנט בגירסא, צום ביישפיל:

הרה"ק רבי לוי יצחק זצ"ל פאטער פון דער ליובאוויטשער רבי זי"ע שרייבט פאר זיין זון, דער ליובאוויטשער רבי זי"ע, אז איינע פון זיינע טעגליכע שיעורים, און גאר דער ערשטער שיעור זיינע זאל זיין: "ללמוד לפחות בג' דפים גמרא עם פרש"י בגירסא", ער זאל לערנען יעדן טאג דריי דפים גמרא מיט רש"י בגירסא.

הגאון הצדיק דער אדר"ת זכר צדיק לברכה שרייבט אין זיינע מעמוארן וואס איז געדרוקט אין ספר תפילת דוד: "בכל יום מימי החנוכה למדתי בגמרא או בשולחן ערוך הלכותיה, וכשלא היה לי פנאי הייתי אומר לשון הגמרא לבד".

*

אין די "קרית בלעטל" אויסגאבע פון די פאראנגענעם ראש השנה (תשפ"ד) איז געווען א הערליכע מעשה פון תפילה, פון אונזער טייערער חבר מו"ה ברוך נוסבוים ני"ו פון בני ברק, ער שרייבט:

**איך האב א שיינע מעשה פון תפילה, ס'איז אפשר אביסל אינטערעסאנט, אבער דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס אז מען דארף בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך וואס מען דארף, נישט קיין חילוק וואס די זאך איז. איך וועל פארציילן דברים כהוויתן.**

**דעם פארגאנגענעם שבת קודש פרשת כי תצא פאר מנחה, האב איך מיך געכאפט אז מען גייט ליינען די קריאה פון פרשת כי תבוא. ביי אונז ברסלב'ע חסידים רופט מען די פרשה "כי תבוא לאומאן", מען קאכט אינעם הייליגן נסיעה צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה. ס'איז אריין אין מיר א חשק עולה זיין לתורה ביי די קריאה פון ראשון, ליינען די הייליגע קריאה פון כי תבוא, און דאס זאל זיין א כח אזוי ווי פאר א חתן וואס איז עולה לתורה פארן חתונה, ווייל מיט די כח התורה קען מען ברעכן אלע מניעות.**

**איך האב געטראכט צו בעטן פון די גבאי אז איך וויל עולה זיין, אבער איך האב מיך מיישב געווען איך וויל בעטן פון דעם גבאי'ס טאטע - פונעם הייליגן באשעפער. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך האב חשק עולה זיין ראשון. ווען די גבאי האט אויסגערופן די עלי' בין איך געשטאנען אין די זייט, און איך זע אז די גבאי קוקט אינגאנצן אויף די אנדערע זייט. ס'איז מיר נישט געבליבן נאר צו געבן א שמייכל און זאגן שכח אייבערשטער פאר דעם.**

**למעשה גייט נישט דורך אפאר סקונדעס און איך הער אז די גבאי רופט אויס מיין נאמען צו עולה זיין ראשון ביי די הייליגע קריאה פון כי תבוא. שכח אייבערשטער. דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זיך קענען גוט צוגרייטן צום הייליגן נסיעה, און פועל'ן אלעס גוטס. און א גוט געבענטש יאר לנו ולכל ישראל.**

אן אומשולדיגע מעשה פון תפילה...

אבער א שטיק צייט פארדעם האב איך געליינט אן ענליכע מעשה פון תפילה, אבער בבחינת 'אור הגנוז', עס פעלט די פלייש דערפון... דערציילט א איד: שוין צען יאר וואס איך דאווען אין א קליינע ווארעמע בית המדרש, מיט צוויי יאר צוריק האט זיך פארמאכט א מנין וואס איז געווען נעבן אונזער בית המדרש, אזוי האט זיך אונזער מנין פארגרעסערט, איינער פון די פרישע מתפללים איז געווען אן עלטערער איד, צו מיין גוטע מזל האט ער געגומען זיין פלאץ נעבן מיר, אזוי האב איך קענען געלערנט אן עלטערער באזעסענער איד.

אמאל איז דער גבאי מכבד מיין שכן - דער עלטערער איד - מיט'ן ברעטל, און יעדע צוויי דריי וואכן איז ער אים מכבד מיט אן עלי' לתורה, א געווענליכע עלי'.

שבת פרשת שמות איז דאס געווען, דער גבאי רופט אים אויף צו מפטיר, דער איד האט עולה געווען צו מפטיר און פאר די הפטרה האט ער געפרעגט דעם גבאי'ן אויב ער קען אויך דאווענען מוסף, "געזונטערהייט" האט דער גבאי געענטפערט.

נאך די "מי שברך" האט דער איד פארגעזאגט א "קל מלא רחמים", און מען האט געהערט ווי ער דערמאנט זיין מאמע עלי' השלום.

"די וואך איז אייער מוטער'ס יארצייט?" פרעגט אים דער גבאי, "פארוואס האט איר מיר נישט מודיע געווען פריער? איך וואלט אייך לכתחלה געגעבן מפטיר און מוסף, פארוואס האט איר זיך פארלאזט אויף ניסים?"

דער זקן מיט זיין רואיגע שטימע רופט זיך אן: **"איך בעט גארנישט פון מענטשן, נאר פונעם אייבערשטן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל עולה זיין מפטיר, און איך האב דאס באקומען".**

מיר ווייסן אז דער מושג פון 'גארנישט בעטן פון מענטשן, נאר פונעם אייבערשטן' - שמעקט פון היכל הקודש...

*

מיר וועלן ענדיגן מיט די ווערטער וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו: **יעדע שמועס וואס מוהרא"ש האט מיט אונז געשמועסט איז געווען נאר פון תכלית - פון תורה און פון תפילה; מוהרא"ש איז געווען אן אמת'ער "עין טוב", ער האט פארגינען פאר א צווייטן אז יענער זאל אויך לערנען און זוכה זיין צו וואס ער האט זוכה געווען, שטעל דיר פאר אז מוהרא"ש מאכט ווען א שווייג פון זיין היסטאריע און ער פארציילט נישט ווי אזוי ער האט זוכה געווען צו לערנען און דאווענען, וואו וואלטן מיר געווען און ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעזען!? עס איז געווען גרויסע גדולים וואס זיי האבן נישט געוואלט לערנען און דאווענען און זיי האבן געטראפן א ברסלב'ער ספר און דורך דעם האבן זיי איבערגעדרייט דער וועלט, ווי למשל הרב וואזנער ז"ל, זיי האבן אבער נישט פארציילט דעם סוד פאר קיינעם און עס איז געבליבן א סוד (דאס איז געדרוקט אויף א פלאץ), אבער מוהרא"ש איז געווען אן אמת'ער "עין טוב" וואס האט עס פארגינען פאר אונז, און מיר קומען אים אונזער לעבן, ע"כ.**

ווי דער ראש ישיבה האט געזאגט שמחת תורה צופרי ביי די ערשטע הקפה, די הקפה פון חסד, אז די גרעסטע חסד וואס מען קען טון איז עוסק זיין אין הפצה, מודיע זיין פאר אנדערע אז עס איז דא א וועג צו לערנען, צו לעבן מיטן אייבערשטן וכו', וכו'.

חנוכה-אנטפלעקן דעם אור הגנוז-היכל הקודש-אשר בנחל-עצתו אמונה - ס'איז אלעס איינס.

א פרייליכן חנוכה,

יואל שניצלער, קרית ברסלב



# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

**mint COLLISION**

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי׳ לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com





חנוכה עס קומט,
ניגונים מען זינגט.

איך גרייט אן די לעכט,
פאר די חנוכה נעכט.

פארברענגן צוזאם,
בשבת אחים גם.

מיט די קינדער דריידל שפילן,
א לכטיגקייט אין חנוכה פילן.

מען זינגט און מען טאנצט,
יעדעמ'ס פנים גלאנצט.

מיר בעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין א פרייליכע חנוכה
אזוי ווי ביי א חתונה.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל שוין די נס פאסירן,
משיח זאל קומען און אונז קיין ירושלים פירן.

די פרייליכע געזאנגען,
האט זיך שוין אנגעפאנגען.

מיט חנוכה VIBES ארומגענומען,
חנוכה איז שוין אנגעקומען.

די פלעמעלעך זיי שיינען,
זיי טוען דערמאנען.

אז דער אייבערשטער איז צו אונז אזוי גוט,
און די אלע ניסים וואס ער טוט.

די דריידל געבט זיך א דריי,
נ ג ש און ה.

חנוכה איז א מחי',
אלע אכט טעג אין די רייע.

באשעפער לייז אונז שוין אויס,
פון גלות איינמאל פאר אלעמאל ארויס.

## פאר די ברסלב'ע שטוב

מ. פאפענהיים

# איך וויל אויך
# זיין פריילעך

הערליכע שיינע פארהאנגען וועלכע פאלן קעניגלעך איבער די הויכע געשניצטע מארמארענע זוילן, די ערד איז אויסגעפלאסטערט מיט טייערע שטיינער וואס פאסטן זיך מייעסטעטיש צו די הערליכע שאטירונגען פון דעם ארום. אינמיטן שטייט א פריילעכע מאמע מיט א גליקליכן שמייכל אויפן פנים און האלט א צוויי יעריג קינד ביי דער האנט.

איך האב באטראכט דאס בילד וואס מיין קליינער מעלער האט אראפגעמאלן און פראבירט צו פארשטיין וואס ער האט זיך געוואלט אויסדריקן. וואס מיינט דער קעניגליכער ארום און א אידישע פרוי אינדערמיט? אפשר איז די מאמע געגאנגען צו א פאטאגראפיסט מיטן קינד פאר די דריי יאר?



אדער זענען זיי אנגעקומען ערגעץ וואו אין א מוזעאום? איין מינוט, דא אין די לינקע זייט האט ער אפגעמאלן א קעניג, א הערליכע בענקל מיט גאלדענע און זילבערנע שניצונגען, און ארום שטייען סאלדאטן מיט געווער, באדינערס און פילע שרים, אלע מיט א שטרענגער בליק אויפן פנים.

א מאמע שטייט פאר א קעניג?? וואס מיינט עס? אופס... דא אין די רעכטע זייט ליגן טעליכע קינדער אויפן ערד, איך צייל אפ זעקס קינדער... אהא... אלע פאזעל שטיקלעך שטעלן זיך צוזאם אין מיין מח. מיין גרויסער אינגל האט אפגעמאלן די בילד פון חנה ושבעה בניה...

אינטערעסאנט אויב איך האב טאקע צוגעטראפן, איך רוף אים צו "נתי?!" ער קומט צולויפן, "יא מאמי, האסט מיר גערופן?" "יא צדיק" - איך ווייז אים די בילד אין מיין האנט, - "דו האסט דא געמאלן די מעשה פון חנה מיט אירע זיבן זין?" ער שאקלט האסטיג מיטן קאפ, זייער זייער שיין! רוף איך אויס מיט התפעלות, אבער פארוואס איז די מאמע דא אזוי פרייליך?

ערקוקטמיראןאומפארשטענדליך, זיכער איז זי פרייליך, קיינער האט נישט געפאלגט דעם שלעכטן אנטיוכיוס!

איך מוז מסכים זיין מיט אים. "אמת, זיי האבן געוואוסט אז אן קיין תורה האט מען נישט קיין לעבן."

נתי לויפט צוריק צו זיינע שפילצייג און איך בלייב מיטן בילד אין האנט. איך באטראכט עס נאכאמאל און א סקורך גייט אריבער מיינע ביינער. שכח אייבערשטער אז איך ווייס זייער גוט וואס דאס מיינט ברענגען קינדער אויף דער וועלט און די שווערע ארבעט זיי צו האדעווען. און דא זע איך א פרוי מיט זיבן זין, איינער מער געלונגען פון צווייטן. זיי וואקסן שוין אונטער, זי הייבט שוין אן צו זען אביסל נחת, נאכן ארבעטן מיט זיי פון צופרי ביז ביינאכט... און... קומט זיך אן א קעניג און פאר אביסל כבוד, ווישט ער אלעס אפ אין איין טאג... זאג נאר - וויל איך איר פרעגן, דו האסט בכלל געקענט שמייכלען יענעם טאג? וואס האסטו געפילט? וואס האסטו געטראכט???



"מאמי!" נתי רייסט מיר איבער די שווערע געדאנקען, "קוק וואס איך האב יעצט געמאלן" איך באטראכט דעם בילד צוזאמען מיט אים, "או הא, הערליך שיין!" א גרויסן פענסטער מיט א שיינע מנורה און פינקלדיגע ליכט. אויפן טיש ליגט הייסע לאטקעס און די קינדערלעך שפילן א לוסטיגן דריידל שפיל.

זעסט מאמי? דער אינגל גייט שוין כמעט געווינען, א גאנצן טאג פאלט אים די דריידל אויפן גימל!

זייער זייער שיין, עס קוקט אויס א עכטע בילד!

יעצט וויל איך מאלן ווי א טאטע צינדט אן זיין מנורה!

זייער גוט! ער גייט נעמען א ריינעם בלאט, און איך האב שוין צוויי בילדער צו באטראכטן... אט אזוי א פרייליכע משפחה בילד, אלע זיצן און פארברענגען צוזאמען, מען עסט פיינע גוטע לאטקעס... דא קומט אריין ריזיגע שמייכעלעך און פרייליכע אויגן...

יא? פון וואו ביסטו אזוי זיכער אז די ערשטע בילד דארף זיין טרויעריג און די צווייטע פרייליך??

וואס הייסט? יעדער ווייסט עס?

וואס איז טאקע פרייליכע זאכן אין לעבן?

די ערשטע פרייליכע בילד וואס קומט מיר ארויף איז פרייליכע טענץ ביי א חתונה... און נאך די חתונה? איז א נייע בעיבי די קומענדיגע שמחה... אבער אויב א חתונה איז אזא פרייליכע זאך פארוואס זעט מען היינט אזוי פיל גירושין? און אויך א בעיבי ברענגט אזויפיל שמחה פארוואס הערט מען מער און מער האבן נישט קיין כח צו האבן א גרויסע משפחה? און פארוואס למען השם מאלט מיין אינגל אזא פרייליכע מאמע ווען זי זעט אזעלכע שוידערליכע זאכן? איך מיין שוין אז ער דארף א גוטן פסיכאלאג...

איין מינוט... איין מינוט... דא ליגט דער ענטפער...

די לינקע ווינטן פון די גוי'אישע גאס, וואס כאפט זיך אריין ביים היימישן עולם פון די היימישע טעראפיסטן און אזוי גערופענע ערליכע וועג ווייזער'ס שטיצט זיך על פי רוב אויף די דורכגעפוילטע יסודות פון חכמות היוונית. אין א

**נאכן ארבעטן מיט זיי פון צופרי ביז ביינאכט... און... קומט זיך אן א קעניג און פאר אביסל כבוד, ווישט ער אלעס אפ אין איין טאג...**

גוי'אישע קאפ קען מען נישט זען וואס גייט זיין ווייטער, אויב יעצט געב איך זיך נישט קיין עצה מיט מיין מאן, דעמאלט לאז מיר לעבן!!!

אבער נתי האט נאכנישט אנגעיאגט צו הערן די אלע פארדארבענע וועגן, און ער האט געהערט די מעשה פון

חנה מיט אירע זין אויף א ריכטיגער תורה בליק, ווייסט ער אז עס איז טאקע אביסל שרעקעדיג, אבער יעצט פרייען זיי זיך אלע צוזאמען אין גן עדן.

אין איך? איך ווייס נישט וואס חנה האט דאמאלט געפילט, זי איז א ביישפיל פון א העלדישע פרוי, וואס איז צוגעקומען צו די העכסטע גדלות, אז אלע אירע קינדער האבן זיך אינגאנצן איבערגעגעבן צום אייבערשטן. און אויף איר שטייט אם הבנים שמחה זי איז עכט פרייליך.

דער הייליגער באשעפער בעט נישט פון אונז אזעלכע זאכן! קיינער פון אונז איז נישט געשטאנען פאר א גרויזאמען קעניג וואס האט געשטעלט די ברירה אדער עבודה זרה אדער טויט, מיר האבן קליינע אויסוואלן טאג טעגליך, מען בעט פון אונז גרינגערע זאכן פון דעם.

א חתונה איז א פריילעכע זאך ווייל אין די תורה שטייט אז א מענטש איז נישט גוט צו לעבן אליין, וועל איך פראבירן די מערסטע וואס איך קען, צוביסלעך צוביסלעך מיט מסירות נפש ממש. און אפילו עס זעט אויס אזוי שווער, וועט עס מיר צום סוף ברענגען א גליקליכע לעבן

א בעבי ברענגט פרייד ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן האבן קינדער. זיך אנטון איידל און מכובד'יג איז א געשמאקע זאך ווייל די תורה הייסט אונז אזוי.

צו זיין חתונה געהאט איז א גוטע זאך. און אז ביי מיר זעט עפעס אויס

אז די זאכן מאכן נישט פריילעך וועל איך גיין פרעגן א ערליכן איד. און אויב א צדיק וועט מיר זאגן זאכן וואס עס זעט מיר אויס אוממעגליך אויסצופירן וועל איך בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל דאס קענען פאלגן.

שכח היילגע באשעפער אז אין אונזער דור האסטו אראפ געשיקט צדיקים וועלכע ווייזן אונז דעם וועג. "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל אלעמאל האבן שכל צו פאלגן אפילו אן פארשטיין, און אזוי וועט אונז אלעמאל זיין גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט".



# קוקן אויף די גוטס

מ. פורסט

נאך די יווונים האבן איבערגעדרייט,
האבן די חשמונאים זיך געפריידט.

נאך אצוויפיל צוכן און האפן,
האבן צוי די פך שמן געטראפן.

צוליב די נס צינדט מען חנוכה לעכט,
אכט טעג און נעכט.

וואס איז די גרויסע שמחה דא,
אז מען פריידט זיך חנוכה?

עס איז גארנישט געווען,
נאר איין קריגל אויל האט מען געזען.

פון דעם געמאכט א גרויסן טומל,
אויבן אין הימל.

דורך קוקן אויף די גוטס וואס מען האט,
און שטענדיג זיך נאר ווענדן צו גאט.

נישט ווערן פארלוירן ווען עס פעלט,
נאר בעטן דעם באשעפער פון דער וועלט.

טו גוט ארייקוקן,
טרעף די חסדים וואס דער אייבערשטער טוט דיר שיקן.

דער אייבערשטער וויל מיר זאלן אים דאנקן,
אויף אלע גוטע געשאנקן.



# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!









## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers' Compensation


Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*








א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טאון ברידוש געגע־נט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

**QUICKBOOKS & BOOKKEEPING SERVICES**

- ✓ QuickBooks Setup
- ✓ Accounts Receivable
- ✓ Accounts Payable
- ✓ Sales Tax
- ✓ Daily Cash Management
- ✓ Collections
- ✓ AND MORE

KB Business Solutions Inc.
1-845-293-7667
Kbbsbookkeeping@gmail.com
Ephraim Feldman

**Catskill Professional**

געשמאקע שיינע הערליכע ליכטיגע באקוועמע אפיסעס אוועילעבל.

רופט היינט.
646-938-2503
39oldmonticello@gmail.com

ברסלב
שטיצט ברסלב

# קלאסיפייד'ס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג 347-461-2244

יואל וועבערמאן - 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה - 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן 845-492-0566

ראובן בירנבוים 347-549-5625

גרעסעדע דירה - 917-541-1197





## Garden House Suites

5 one bedroom suites available for weekends etc.

Call 646-565-0966

ווייסט איר פון א באקאנטן אדער א גוטן פריינד וואס האט א הארץ און א געפיל צו דעם הייליגן פלאץ און וואלט געוואלט געבן שיינע סכומים ארויסצוהעלפן די איינגעשטעלטע פון אונזער מוסד

רופט מרדכי לייב טירנויער - 845-537-7477

BRAND NEW

Two beautiful pairs of shoes to sell for a great price.

Black one: size **40** weekday shoe for teens/ ladies. Has taps already. Price **50$**.

Brown one: Size **39**- **40**. Price **25$**.

Call Eisner: **718-675-6854**

## צאלט שכר לימוד אויף א גרינגע וועג

האט איר שוועריקייטן צו צאלן שכר לימוד די גאנצע סומע אויף איינמאל?

מיר האבן א וועג פאר אייך, איר קענט ארייננצאלן וועלכע סומע איר ווילט דורך דעם BPAY סיסטעם.

איר דארפט פאר קיינעם נישט איבערגעבן דעם סכום, עס גייט גלייך אריין צו אייער אקאונט.

ברסלב'ס
## חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**פון וועם איך נעם**

א. געב איך
ב. צאל איך צוריק דאפלט
ג. צאל איך נישט צוריק
ד. ווער שוין א גאנץ לעבן נישט דארפן נעמען

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי׳ האט אמאל געזאגט: די וועלט נארט אייך
**לאזט אייך נישט נארן!**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**פייגי שטראססער תחי׳ - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

קרית
# ברסלב
בלעטל

# קינדער אפטיילונג
וישב - חנוכה

## טרעף
די ווערטער

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כ | ג | ט | ז | פ | ס | ז | ו | ש | ס | ה | ס | מ | ת | ב |
| ל | ע | כ | ר | ט | ר | ט | ש | ד | פ | נ | ג | ג | ק | ח |
| ס | ס | א | ט | ד | צ | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | נ |
| פ | ד | מ | י | ע | צ | נ | א | ג | ת | א | צ | ו | מ | ו |
| ז | ת | ע | א | י | מ | מ | נ | ב | נ | י | ט | ו | צ | כ |
| פ | ז | ג | ר | פ | נ | ע | ד | י | ס | נ | ז | י | א | ה |
| א | ו | י | ל | צ | ב | נ | נ | כ | ע | ג | ט | י | ר | צ |
| ס | ז | ט | נ | ט | א | ה | ס | ר | ג | ד | ב | ז | ר | ו |
| י | ה | ו | י | ט | ע | ז | ב | ס | צ | נ | י | נ | ג | ר |
| ר | א | א | ש | י | א | ע | א | י | ו | ק | א | ז | א | י |
| ט | א | ל | ט | י | ג | ו | ע | א | ה | ע | ד | ע | ר | ק |
| ל | י | ט | ע | צ | ו | ת | נ | י | א | נ | ז | ע | ת | ק |
| י | י | ב | ב | ס | ק | ע | נ | ז | ט | י | ד | ע | ר | ע |
| נ | ב | נ | ט | ע | א | ז | ז | י | א | פ | א | ט | ו | ר |
| ל | ע | ט | א | י | נ | ו | ב | ד | ג | כ | ח | ל | א | נ |
| ד | ר | ב | ז | ר | נ | ר | ו | ר | א | ט | ט | ק | ע | מ |
| ב | ש | י | י | ק | ז | ג | א | ט | ע | א | ל | ו | ק | ס |
| ה | ט | י | כ | י | ד | מ | ק | ר | ה | נ | ש | נ | י | ד |
| ז | ע | ה | א | י | י | ב | ע | ר | ש | ט | ע | ר | י | י |
| ס | ר | מ | ג | ל | ג | ח | מ | ז | ל | ז | כ | נ | נ | נ |

חנוכה איז א צייט וואס מען קען זיך צוריקקערן צום אייבערשטן; מען הייבט אן זען אז די גאנצע טבע איז דער אייבערשטער, **אלעס וואס פאסירט איז נאר דער אייבערשטער.**

דער אייבערשטער האט געמאכט אז אויל וואס דארף ברענען איין טאג האט געברענט אכט טאג, אונז צו ווייזן אז **עס איז נישט דא קיין 'טבע', 'מקרה', 'מזל'; אלעס איז נאר דער אייבערשטער.**

(עצת אמונה פרשת מקץ תשע"ט)

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו אונצינדן די הייליגע מנורה!





## שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

**ב. עַל יְדֵי שִׂנְאָה בָּא בַּהֲלוּת, וְעַל יְדֵי שִׂנְאָה בָּא שְׂרֵפָה.**

אַז מֶען הָאט פַּיינְט אַ צְווייטְן, ווֶערְט מֶען דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעטוּמְלְט. אוֹיךְ דוּרְךְ פַּיינְטְשַׁאפְט בְּרֶעכְט אוֹיס פַיְיעֶרְס.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## פארהער
שיחות פון רבי'ן

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד??





### ענטפער פון פאריגע וואך

ר' בער פון מעדוועדיקע האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ צום רבי'ן אז ער קען נישט אויפשטיין חצות, האט אים דער רבי געזאגט: "דיין חצות וועט זיין דריי אזייגער!"

# טרעף די חילוקים

## טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





קוק אויף די הייליגע חנוכה לעכט
וועסטו האבן הייליגע אויגן!

# וועלכע
## זענען די זעלבע?

רינגל ארום וועלכע צוויי בילדער זענען די זעלבע



א פריליכן חנוכה!



כיתה א' - קרית ברסלב



נתן פוקס נ"י - קרית ברסלב



שמעון און אליעזר שלמה אינדארסקי - קרית ברסלב



אברהם יצחק פוקס נ"י - קרית ברסלב



מאיר פוקס נ"י - קרית ברסלב



משפחת יאקאבאוויטש - קרית יואל



משפחת שווארץ - וויליאמסבורג



יואליש ראטה נ"י - קרית ברסלב



מענדל פורסט נ"י - קרית ברסלב

שיקט אריין אייער בילד צו
845-379-1161
breslevofficeliberty@gmail.com



נחמן נתן און שלום יואל זוסמאן - קרית ברסלב




עטי בלוים תחי' - קרית ברסלב



פייגי לאנדא תחי' - קרית ברסלב



פייגעלע יאקאבאוויטש תחי' - קרית ברסלב



זאבי ברוין מיט אליעזר שלמה שטיינבערג - קרית ברסלב



אליעזר שלמה וועבערמאן נ"י - קרית ברסלב



פייגי פינטער תחי' - קרית ברסלב



יעקב יודא ראטה נ"י - יעקב אבינו שיקט מתנות פאר עשיו



יוטי און אדי שטיינבער - קרית ברסלב

שיקט אריין אייער בילד צו
845-379-1161
breslevofficeliberty@gmail.com

# בילדער

## אפטיילונג









חתונה פון החתן בנימין זאב ניימאן נ״י עב״ג בת מו״ה שמחה לעווי הי״ו - ג׳ וישלח תשפ״ד







דער מגיד שיעור מו״ה שמואל אייכנשטיין הי״ו לערנט פאר זיין טעגליכע שיעור ש״ע אין ישיבה - ד׳ וישלח




עורך פונעם ספר עצתו אמונה ביים ארבעטן אויפן וועכנטליכן קונטרס אינמיטן א משפחה חתונה




סיום מסכת קידושין פון הבחור הערשל פרענקל נ״י אין היכל הקודש בית עילית

קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה



**סיום מסכת יומא ביי גאב״ד קארלסבורג שליט״א לע״נ הרבנית מקארלסבורג ע״ה - ג׳ וישלח**

קרעדיט: מאיר וויזל







קרעדיט: מאיר וויזל



**אבות ובנים אין היכל הקודש ירושלים קרית ברסלב ליבערטי - מוצאי שבת וישלח**







**די הערליכע ילד שעשועים אין שטעטל מיט די ערשטע דריי קינדערלעך קע״ה**

קרעדיט: שמעי׳ וואקס




**חדר היכל הקודש טבריה ביים ציון פון רבי יהודה הנשיא**

קרעדיט: שמעי׳ וואקס



**סיום מסכת משניות ראש השנה ביים קבר פון רבינו הקדוש ר׳ יהודה הנשיא**



אבת חנוכה
אין די קעטסקי'לס?
מיר פארמאגן
די גרעסטע
אויסוואייל פון
אלע אייערע
חנוכה געברויכן
• מנורה'ס
• מנורה טישלעך
• מנורה טישטיכער
• קריגלעך
• טעצער
• גלעזלעך
• דריידלעך
• אויל
• חנוכה גע'ימס
• חנוכה ביכלעך
• חנוכה ארטס
• און קרעפטס
• און פיל מער
קרית ברסלב
כבריב
& judaica
אפען טעגליך - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
פרייטאג - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
מוצאי שבת - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00
347.578.4449
51 Twin Bridge Rd. Liberty N.Y. 12754 left side entrance
ZEBRA